NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01113

DOS KLUGE SHNAYDERL

Solomon Simon

*Permanent preservation of this book was made possible
by Lisa Fastenberg & David Rabinowitz
in memory of
Shirley Fastenberg*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס קלוגע שניידערל


דאס
קלוגע
שניידערל
פון
שמיימאן
אילוסטרירט פון י. פרידלענדער
פארלאג
ניו־יארק

אַרויסגעגעבן פֿון
פֿאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פֿאָלק אינסטיטוט

DOS KLUGE SHNEIDERL

By

SOLOMON SIMON

Illustrated by Isaac Friedlender

צווייטע אויפלאגע, 1949

Copyright, 1933, by
SOLOMON SIMON
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 E. 17th St., New York 3, N. Y

Printed in U. S. A. by
The Shoulson Press
New York

255

אינהאַלט:

דער רויבער האַרגים — — — — — — — — — — — — — 19—9

אַ מאָל, אַ מאָל
שניידערל
שניידערל באַגעגנט זיך מיט דעם גזלן האַרגים
דאָס שפּיצל געלינגט
אַ נייער איינפֿאַל
דאָס צווייטע שפּיצל געלינגט
דאָס דריטע שפּיצל געלינגט.
דער רויבער האַרגים ווערט בייז
שניידערל נאַרט אָפּ דעם רויבער מיט הייסער קאַשע

שניידערל פֿאַרנאַרט אַ באַנדע רויבער — — — — — — — — 28—20

גזלן האַרגימס ברודער
שניידערל קומט צו דער באַראַטונג פֿון די סוחרים
די באַנדע כאַפּט שניידערל
שניידערל ווייזט דער באַנדע נייע שפּיצלעך
אַ היטעלע מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק
די באַנדע פֿאַלט אַריין

ריזן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 40—29

שניידערל ווערט באַרימט
פֿליגן
אַ פֿאַס זייד, גאָמעלקעס, קיכלעך און אַ פֿייגעלע
שניידערל פֿאַרמעסט זיך מיט אַ ריז
די ריזן ווילן קרוינען שניידערל פֿאַר קעניג
שניידערל קליגט איבער אַלע פֿינף ריזן
דער קאַמף מיטן אוניקאָרן
די ריזן גיבן זיך אונטער

אַ גרוב מיט גאָלד — — — — — — — — — — — — — — — 49—41

שניידערלס פֿאַרלאַנג
אַ וויינענדיקער פֿרעמדער
פֿרעמד געלט
ריכטער צאָדוק פֿרעגט אַן עצה
דאָס שפּיצל געלינגט
דער ריכטער זעגנט זיך

דער בלאָער דימענט — — — — — — — — — — — — — — 60—50

לייפּציקער יאַריד
אויף אַן אַכסניה
זיבן אורחים — איינער אַ געלער
אַ מאָרד
מען פֿאָרשט
שניידערל האָט אַ מיטל
אין געריכט

בוימל אויף וואַסער — — — — — — — — — — — — 68—61

דאָס געריכט הויז
האַנס שמיד און הערשל ליוויי
האַנס שמיד דערציילט
הערשל ליוויי דערציילט
אַ גלייכווערטל
שניידערלס אורטייל

אין ווייטע לענדער — — — — — — — — — — — — 83—69

אַ געשפּרעך
דריי באַוואָפנטע רייטער
פּרינץ טודאָר
די מדינה פרידאָם
דער קעניג פּרובירט אויס דאָס קלוגע שניידערל
שניידערלס פּלאַן
זיגפרידס אַרמיי אַנטלויפט

אין טודאָרס מדינה — — — — — — — — — — — — 90—84

דער גלת נאַסיסיס
אַ קעניגלעכער באַל
אַ זעלטענער בעכער
דער גלת שעלט

אין זיבעטן הימל — — — — — — — — — — — — — 140—91

געגנבעטע רענדלעך
די רענדלעך פאַרשווינדן
אַ בין און אַ שטיקל קרייד
נאַסיסיס פאַרזיכטיקייט
מלאָכים פליען
אויפן זיבעטן הימל
אַ היים

אַ באַגעגעניש — — — — — — — — — — — — — 127—105

שמערל נאַר
דעם שניידערל פאַרדריסט
דריי סוחרים
באַהאַלטן געלט
אויפגעגעבן אַ קעניגרייך
אָפּגעהאַקטע הענט
זעכציק טויזנט רענדלעך
די אַזערע טערענאַג
צווייי הייליקע
אַריינגעפאַלן



דער רויבער האַרגים

אַמאָל, אַמאָל

אַמאָל, אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק. קיין אייזנבאַן איז נאָך ניט געווען און, אַז מענטשן האָבן געוואָלט פאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, זענען זיי געפאָרן רייטנדיק אויף פערד אָדער אין פורן. און, אַז מען האָט געדאַרפט איבערשיקן סחורות פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, האָט מען די סחורה איינגעפאַקט אין וועגענער און אָפגעשיקט אין דער אַנדערער שטאָט.

אין יענער צייט האָט געלעבט אַ גרויסער סוחר מיטן נאָמען ישראל פריד. ער איז געווען רייך און געפירט גרויסע געשעפטן. ער האָט געהאַט אַ גרויס געשעפט אין דער שטאָט לעשנע, און ער פלעגט שיקן זיינע סחורות אין אַלע קלענערע שטעט און שטעט־לעך.

שניידערל

אין דער זעלביקער שטאָט לעשנע אויף דער אָרעמער שול־גאַס האָט געוואוינט אַן אָרעמער שניידער מיטן נאָמען בערל לאַפידעס. קיינער האָט אים ניט גערופן מיט דעם נאָמען. אַלע האָבן אים גערופן שניידערל. ער איז געווען קליין, דאַר און שוואַרץ. שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן, שוואַרצע ברעמען און אַ שוואַרץ שפיציק בערדל.

שניידערל איז געווען אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער, אַ גרוי־סער וויצלער, שטענדיק געווען גרייט מיט אַ לידל און אַ וויץ.

ער איז געווען אַ טאַטע פון פיר קינדער, געוואוינט האָט ער אין אַ קליין שטיבל. די קינדער זענען שטענדיק געגאַנגען אָפגע־ריסן, אָפגעשליסן און אין הויז האָט גאַנץ אָפט געפעלט ברויט.

ער איז געווען אַ גוטער שניידער, אָבער אַרבעט האָט ער זעלטן געהאַט. נאָר אָרעמע־לייט האָבן אים געגעבן עפּעס צו נייען. די רייכערע האָבן אים ניט ליב געהאַט. מיט שניידערל איז געווען ניט גוט זיך אָנצוהייבן. ער פלעגט אָפּענטפערן אַ באַלעבאָס אַזוי, אַז עס פלעגט אים פאַרגיין אין דער זיבעטער ריפּ. ער האָט קיינעם ניט געשוינט, פאַר קיינעם זיך ניט געבויגן. אַז מען האָט זיך נאָר אַ קרים געטאָן, אַז די אַרבייט איז ניט אַזוי גוט ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט שניידערל אָפּגעענטפערט, אַז מען האָט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן.

די גאַנצע שטאָט האָט געקענט דאָס שניידערל. זיינע ווערט־לעך פלעגן גיין פון מויל צו מויל.

איינמאָל אין אַ זומער האָט געטראָפן, אַז אויפן וועג וואָס וואָס פירט פון לעשנע צו די קלענערע שטעט האָט זיך פאַרקליבן אַ רויבער. דער גזלן איז עטלעכע מאָל באַפאַלן די וועגענער פון דעם סוחר, געהרגעט די אָנטרייבערס און צוגענומען די סחורה.

דער גביר האָט געפּרוּווט דינגען שטאַרקע, געזונטע באַלע־גאָלעס, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן. דער גזלן איז געווען אַ גרויסער גיבור.

עס זענען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים. עטלעכע אָנטריי־בערס זענען דערהרגעט געוואָרן און קיינער האָט ניט געוואָלט זיין מער קיין אָנטרייבער אויף דעם סוחרס וועגענער.

דער סוחר האָט געטראַכט, געטראַכט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איינמאָל, ווי ער איז געזעסן אין זיין ביוראָ און געטראַכט, איז אַריין דאָס שניידערל און געזאָגט:

— גוט מאָרגן אייך, הער פריד, אויב איר ווילט, וועל איך זיין דער אָנטרייבער פון אייערן אַ וואָגן. איך קאָנט דאָך מיך.

זאָגט דער סוחר פריד צום שניידערל: אַוואַדע קען איך דיך, וואוינסט אויף דער שול גאַס, ווער קאָן עס ניט שניידערל? אָבער איך וויל דו זאָלסט וויסן, אַז דאָס וואָס דו ווילסט טאָן, שמעקט מיט טויט. באַטראַכט זיך גוט. דו ביסט אַ טאַטע פון פיר קינדער. האָס־טו ניט געהערט אַז זעקס באַלעגאָלעס זענען געהרגעט געוואָרן אויף דעם שליאַך, וואו איך פיר מיינע סחורות?

— יאָ, איך האָב געהערט — האָט שניידערל געענטפערט.

— היינט פאַרוואָס ווילסטו איינשטעלן דיין לעבן ? האָט דער סוחר געפרעגט.

— איך האָב ניט וואָס צו פאַרלירן — האָט שניידערל געענטפערט — אַלץ איינס ועל איך שטאַרבן פון הונגער אויב איך וועל ניט געפינען קיין אַרבעט. וועל איך איינשטעלן און ווערן אַ פערד־אָנטרייבער. איך האָף, אַז איך וועל דורכפאָרן בשלום.

דער סוחר האָט זיך אַביסל געקווענקלט, דערנאָך האָט ער צוגעשטימט.

— יאָ, — האָט דאָס שניידערל געזאָגט פאַרן אַוועקגיין, — איך וועל אָננעמען די אַרבעט, אָבער איר מוזט אָנלאָדן דעם וואָגן ווי איך וועל הייסן.

— גוט האָט דער סוחר געענטפערט. — ווי אַזוי ווילסטו זאָל מען אָנלאָדן דעם וואָגן ?

— ערשטנס, — האָט שניידערל געזאָגט — לייגט אָן דעם וואָגן אַ פולן מיט סחורה, פּאַקט אים אָן אַזוי פול, אַז ווי שטאַרק מען זאָל ניט שמייסן די פערד, זאָלן זיי ניט קאָנען לויפן. צווייטנס, — זאָלט איר די סחורה גוט איינבינדן און איינשנורעווען, אָבער ניט מיט שטריק, נאָר מיט גראָבן שטאַרקן דראָט. דריטנס — גיט מיר אַ גוטן, גראָבן, קורצן שטעקן. אַז איר וועט האָבן אַלץ פאַרטיק, ווי איך האָב אייך געזאָגט, לאָזט מיר וויסן.

— גוט, — האָט דער סוחר געזאָגט. — מיר וועלן האָבן אַלץ פאַרטיק ווי דו ווילסט.

זיי האָבן אַלץ צוגעגרייט ווי אָפּגערעדט. דאָס שניידערל האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן און איז אַוועקגעפאָרן.

שניידערל באַגעגנט זיך מיט דעם גזלן הארגים

גאַנצן טאָג איז דאָס שניידערל געפאָרן. אָוונט־צייט איז ער געקומען צום וואַלד, וואו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דער גזלן. ער האָט אָנגעהויבן פאָרן זייער פּאַמעלעך, טראָט ביי טראָט. די פערד האָבן געשפּאַנט, און שניידערל האָט געזונגען :

רויבער פון רויבערלאַנד,
קום אַהער צו מיר :
זע די פולע קאַסטנס
סחורות אָן אַ שיר.

דער גביר האָט זיידנס,
דימענטן אַ סאַך.
שניידערל מוז היטן,
זיין שטענדיק אויף דער וואַך.

קום זשע שנעל, אָ רויבער,
קום מיט גרויסע זעק.
קום מיט פערד און וועגן,
נעם עס אַלץ אַוועק.

ער האָט געזונגען שיין און הויך אויפן קול. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

אַ גאַנצע נאַכט איז שניידערל געפאָרן און געזונגען און קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין אַריבער דעם וואַלד בשלום. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ שטאַרקע שטים :

— העי, דו דאָרט, זוכסט דעם רויבער ? אָט בין איך. קריך נאָר אַראָפּ פון וואָגן, איך דאַרף דיך דערהרגענען !

— איך קריך שוין אַראָפּ — האָט שניידערל געענטפערט — אָבער, ליבער רויבער, פאַרוואָס ווילסטו מיך הרגענען ?

— ווייל איך קילע אַלע אָנטרייבערס, — האָט דער רויבער געענטפערט.

— דו ביסט גערעכט, האָט געענטפערט שניידערל, וואָס דו קוילעסט אַלע אָנטרייבער, ליבער רויבער, זיי שטעלן זיך קעגן דיר. אָבער איך האָב דאָך דיך גערופן. מעגסט מיר גלויבן, איך וועל זיין גאַנץ צופרידן, אַז דו וועסט צונעמען די סחורה. איך בין

אָרעם, מיין באַלעבאָס איז רייך, נעם צו אַלץ און זאָל אויסגיין צו זיין קאָפּ.

— אָ, דו שמייסער, ביסטו דאָך אַ קלוגער יונג — האָט דער רויבער געענטפערט. — גוט, איך וועל דיך ניט דערהרגענען, מעגסט גיין וואוהין דו ווילסט.

דאָס שפּיצל געלינגט

שניידערל איז אַראָפּ פון וואָגן, דער רויבער איז אַרויף. שניידערל האָט געזען אַז דער רויבער איז הויך, גראָב און שטאַרק און האָט זייער לאַנגע האָר.

דער גזלן האָט גענומען שמייסן די פערד מיט אַ גראָבער בייטש, אָבער די פערד האָבן ניט געקאָנט לויפן, ווייל דער וואָגן איז געווען זייער שווער אָנגעפּאַקט. דער רויבער האָט אַרויסגענומען אַ מעסער און געוואָלט איבערשניידן די שטריק און אַראָפּוואַרפן אַ פּאָר קאַסטנס סחורה, האָט ער אָבער ניט געקאָנט, ווייל דער וואָגן איז געווען אַרומגעבונדן מיט דיקן, גראָבן דראָט.

דערווייל איז שניידערל אַוועק הינטערן וואָגן, שטיל אַרויסגענומען דעם גראָבן שטעקן און אים אַריינגערוקט צווישן די העלצלעך פון די רעדער, און אַליין האָט ער זיך באַהאַלטן הינטער אַ בוים.

דער גזלן האָט גענומען שעלטן און זידלען, שלאָגן די פערד און בייזערן זיך, אָבער עס האָט אים גאָרניט געהאָלפן. דער וואָגן האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

צוויי שעה איז דער רויבער אַזוי אָפּגעשטאַנען מיטן וואָגן. עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. מיט כעס איז דער רויבער אַראָפּ פון דער פור און איז אַוועק אין וואַלד. שניידערל האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע, אַרויסגענומען דעם שטעקן פון צווישן די העלצלעך אַרויפגעזעצט זיך אויף דער קעלניע און איז רואיק, טראָט באַ טראָט, אַוועקגעפאָרן. ער האָט איבערגעגעבן די סחורה אין שטאָט און אין דעם זעלביקן טאָג זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. דער סוחר האָט אים באַגעגנט מיט גרויס פאַרוואונדערונג. ער האָט אים באַצאָלט און געפרעגט, צי וויל ער פירן סחורה אין שטאָט נאָך אַמאָל, האָט שניידערל געענטפערט: „יאָ".

ד אָ ס ק ל ו ג ע ש נ י י ד ע ר ל

אַ נייער איינפאַל

פאַרן פאָרן, רופט זיך אָן דער סוחר צום שניידערל:

— נו, ווי ווילסטו זאָל מען איצט אָנלאָדן דעם וואָגן? זאָל מען אים אָנלאָדן ווי דו האָסט אָנגעלאָדן דעם ערשטן מאָל?

— ניין.

— פאַרוואָס? — דו האָסט דאָך אָפּגעטאָן אַ גוט שפּיצל.

— יאָ, עס איז טאַקע אמת, אָבער באַנוצן זיך מיט דעם זעלביקן שפּיצל צוויי מאָל טויג ניט.

— נו, טאָ ווי אַזוי ווילסטו זאָל מען פּאַקן?

— גרינג, זייער גרינג. היינטיקן מאָל בינדט אַרום דעם וואָגן מיט שטריק.

מען האָט געטאָן ווי ער האָט געהייסן, און דאָס שניידערל איז אַוועקגעפאָרן.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געפאָרן. אין אָוונט איז ער געקומען אין דעם וואַלד, וואו דער רויבער האָט זיך אויפגעהאַלטן. דאָס פערדל האָט אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך, טראָט ביי טראָט, און שניידערל האָט ווידער געזונגען דאָס זעלביקע לידל:

רויבער פון רויבערלאַנד,
קום אַהער צו מיר.
זע די פולע קאַסטנס
סחורות אָן אַ שיר.

ער האָט געזונגען הויך אויפן קול און קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט געמיינט אַז ער וועט שוין אַריבער דעם וואַלד בשלום. ערשט מיט אַמאָל דערהערט ער דעם בעקאַנטן קול פון רויבער:

— דו זוכסט דעם רויבער? אָט בין איך. קריך אַראָפּ פון וואָגן איך וועל די סחורה צונעמען און דיך דערהרגענען.

— אַהאַ, רויבער, שלום עליכם — ענטפערט שניידערל — וואָס מאַכט איר עפּעס? האָט איר מיך, שניידערל, ניט דערקענט?

פע, עס איז ניט שיין. אַ גאַנצע נאַכט אַז איך זוך אייך, און איר רופט זיך ניט אָפּ. וואָס נעמט עס אייך אַזוי לאַנג ?

— אָ, שניידערל, — האָט דער רויבער געענטפערט, — איך האָב דיך גאָרניט דערקענט. גוט, קריך אַראָפּ פון וואָגן. איצט וועל איך שוין די סחורה צונעמען. איך האָב געבראַכט אַ שער וואָס שניידט דראָט.

— אומזיסט זיך באַמיט, ליבער רויבער, אומזיסט זיך באַמיט, — האָט געענטפערט שניידערל. — איך האָב אומישנע געבראַכט אַ האַלב ליידיקן וואָגן, איר זאָלט קאָנען גרינג אַנטלויפן.

— זייער שיין, שניידערל, דו ביסט אַ וואוילער יונג, דו ווייסט, דו ביסט מיר שטאַרק געפעלן.

דאָס צווייטע שפיצל געלינגט

ריידנדיק האָט דער רויבער זיך געזעצט אויפן וואָגן און גע־וואָלט מאַכן פליטה, רופט זיך אָן שניידערל :

— וואָס איז דאָס איילעניש ? די נאַכט איז נאָך גרויס. קריכט אַראָפּ און לאָמיר פאַנאַנדערלייגן אַ פייער און זיך אָנוואַרעמען.

— דו ביסט גערעכט, — האָט דער רויבער געענטפערט.

זיי האָבן פאַרנאַנדערגעלייגט אַ פייער און זיך ביידע געזעצט לעבן אים.

— אַך, איר זעט אויס צו זיין אַ גיבור, — האָט דאָס שניידערל געזאָגט צום רויבער.

— יע, איך בין אַ גיבור, — האָט דער גזלן געזאָגט. — דו זעסט אָט־דעם יונגן בערעזע־בוים ?, איך קאָן אים איינבויגן מיט מיינע היילע הענט, אַזוי אַז דער שפיץ זאָל דערגרייכן צו דער ערד.

— איך וואָלט עס געוואָלט זען — האָט שניידערל געענט־פערט שנעל און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד.

דער גזלן האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און דאָס היטל און אין צוויי סעקונדן איינגעבויגן דעם בוים.

— האַלט אים צו אַ ווײַלע, האַלט אים צו נאָר איין ווײַלע, — האָט שניידערל געזאָגט.

— איך קאָן אים האַלטן ווי לאַנג דו ווילסט אַליין — האָט דער גזלן געזאָגט מיט באַרימעריי.

שניידערל איז צוגעגאַנגען פון הינטן און צוגעבונדן דעם שפּיץ פון בוים צום גזלנס האָר.

— איצט לאָז אָפּ — האָט ער אויסגערופן.

דער גזלן האָט אָפּגעלאָזט דעם בוים, — און פּוק! — דער בוים האָט דעם גזלן אויפגעהויבן פאַר די האָר, און דער גזלן איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

שניידערל האָט זיך שנעל אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן און — היידאַ! ער איז אַנטלאָפן. ער האָט געבראַכט די סחורה אין שטאָט און אין דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך אומגעקערט. דער סוחר האָט אים באַגעגנט מיט גרויס פרייד.

ווען שניידערל האָט אויסגעשפּאַנט די פערד האָט דער סוחר אים געפרעגט:

— ווילסטו ווידער פאָרן?

— יאָ — האָט דאָס שניידערל געענטפערט.

דאָס דריטע שפּיל געלינגט

א טאָג פאַרן פאָרן האָט דער סוחר געפרעגט דעם שניידערל:

— נו, ווי ווילסטו זאָל מען איצט אָנלאָדן דעם וואָגן?

— ווי איר ווילט.

— פאַרוואָס ווילסטו ווידער ניט אָנלאָדן דעם וואָגן לייכט? — האָט דער סוחר געפרעגט, — דו האָסט דאָך אָפּגעטאָן אַ גוט שפּיצל.

— יאָ, ס'איז אמת, אָבער איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז באַנוצן דאָס זעלביקע שפּיצל צוויי מאָל טויג ניט. פּאַקט איין, — האָט שניידערל ווייטער גערעדט, — ווי איר ווילט. לייגט נאָר אַריין אין וואָגן אַ גרויסן ערדענעם טאָפּ, אַ פּאָר פונט גרעטשענע גרויפּן, דריי קוואָרט מילך און אַ צוויי פונט פּוטער.

— גוט, — האָט דער סוחר געזאָגט. — מיר וועלן טאָן ווי דו הייסט.

מען האָט איינגעפּאַקט אַלץ. ווי שניידערל האָט אָנגעזאָגט, און שניידערל האָט זיך געזעצט אויפן וואָגן און היידא — אַוועקגעפאָרן.

אַ גאַנצן טאָג איז שניידערל געפאָרן. אין אָוונט איז ער צוגעקומען צום וואַלד, וואו דער רויבער האַלט זיך אויף, שניידערל האָט אָנגעהויבן פאָרן פּאַמעלעך און גענומען זינגען זיין לידל:

רויבער פון רויבערלאַנד,
קום אַהער צו מיר:
זע די פולע קאַסטנס,
סחורות אָן אַ שיר.

דער רויבער האָרגים ווערט בייז

לאַנג האָט שניידערל ניט געדאַרפט וואַרטן. באַלד האָט זיך דערהערט דעם רויבערס שטים.

— דו ביסט אַ ליגנער, שניידערל, דו ווילסט ניט איך זאָל אַוועקרויבן דיין באַלעבאָס סחורה. דו האָסט מיך אָפּגענאַרט און געלאָזן מיך הענגען אויפן בוים. איצט וועסטו דערפאַר באַצאָלן מיט דיין לעבן. איך וועל דיך דערהרגענען, ווי איך האָב דערהרגעט די אַנדערע אָנטרייבערס. איך בין איצט אין כעס.

— איך האָב דיך ניט אָפּגענאַרט — האָט שניידערל געענטפערט — איך בין — — — — — — —

דער גזלן האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— ביסטו ניט אַנטלאָפן?

— איך בין געלאָפן זוכן מענטשן דיך צו ראַטעווען.

— זוכן מענטשן? שניידערל, די ביסט פון זינען אַראָפּ! זיי וואָלטן דאָך מיך געבונדן און אַריינגעזעצט אין תפיסה! אָ, שניידערל, עס איז אַ פוילער תירוץ. זיי גרייט, אָט קוילע איך דיך.

— נו, איך זע שוין, אַז איך קאָן דיך ניט איבעררריידן. — האָט געזאָגט שניידערל — שטאַרבן איז שטאַרבן, פאַרפאַלן — אָבער

איין זאַך בעט איך דיך, ליבער רויבער, טו מיר די טובה, היינט איז ביי אונדז יידן געוועזן אַ תענית, איך האָב אַ גאַנצן טאָג געפאַסט, טאָ לאָז מיך פונאַנדערלייגן אַ פייער און אָפּקאָכן עפּעס, — כאָטש אָפּעסן פאַרן טויט.

— האָסטו וואָס צו קאָכן?

— אָ, זע, איך האָב מילך, גרויפּן, פּוטער און אַ גרויסן טאָפּ. איך קאָן אָפּקאָכן אַ קאַשע.

שניידערל נאַרט אָפּ דעם רויבער מיט אַ הייסער קאַשע

גוט, קאָך אַ קאַשע, וואָס האָב איך קיין צייט ניט? די נאַכט איז גרויס און דו וועסט פון מיר ניט אַנטלויפן, און איך אַליין בין אויך גאַנץ גוט הונגעריק.

שניידערל האָט פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער, אַריינגעגאָסן די מילך אין טאָפּ און געשטעלט דעם טאָפּ זידן.

די מילך איז פאַרזאָטן. שניידערל האָט אַריינגעלייגט די גרויפּן און די פּוטער, און די קאַשע האָט זיך געקאָכט. דער ריח האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן וואַלד.

— העי, דו, — האָט דער רויבער געזאָגט, — ריר זיך אַ ביסל שנעלער, איך קאָן ניט וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט!

— אָט באַלד, אָט באַלד, — האָט שניידערל געענטפערט, — לאָמיך נאָר פאַרזוכן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ שמאַטע פון וואָגן, האָט אויפגעהויבן דעם טאָפּ, און אַ שמעק געטאָן.

— אָ, רויבער, ס'איז אַ מחיהדיקע קאַשע. עס איז נאָך ניט פאַרטיק, אָבער נאַ, טו אַ שמעק, זע סאַראַ ריח עס האָט.

דער רויבער איז צוגעגאַנגען און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין טאָפּ, אַ שמעק טאָן — — — — —

אין דער רגע האָט שניידערל איבערגעקערט דעם הייסן טאָפּ קאַשע גלייך דעם רויבער אין פנים אַריין. דער רויבער האָט גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות, און צוגעלייגט די הענט צו די אויגן — די אויגן זענען אים האַלב בלינד געוואָרן.

שניידערל איז זיך רואיק צוגעגאַנגען צום וואָגן, זיך אַרויפֿגעזעצט און איז אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט. ער האָט אָפּגעגעבן די סחורה, און אין דעם זעלבן טאָג זיך צוריקגעקערט.

דער סוחר האָט זיך זייער דערפֿרייט. שניידערל האָט דערציילט וואָס עס האָט מיט אים געטראָפֿן, און מען האָט באַלד אַרויסגעשיקט מענטשן זוכן דעם בלינד־געוואָרענעם רויבער.

מען האָט אים געפֿונען, אים געבונדן און אַריינגעזעצט אין תּפֿיסה. דער וועג איז געוואָרן זיכער. שניידערל איז געבליבן אַן אָנטרייבער ביי דעם סוחר, און דער סוחר האָט אים גוט באַצאָלט פֿאַר דער אַרבעט. אין שטאָט האָט מען אים געגעבן אַ נייעם צונעמעניש — „דאָס קלוגע שניידערל".

שניידערל פאַרנאַרט אַ באַנדע רויבער

גזלן האַרגימס ברודער

נאָכדעם ווי דאָס קלוגע שניידערל האָט באַזיגט דעם רוי־בער האַרגים, איז ער געקומען אַהיים, געבליבן אַר־בעטן ביים סוחר פריד און האָט פאַרדינט גענוג געלט פאַר זיין ווייב און קינדער. ער האָט געלעבט רואיק און צופרידן, אָבער באַלד האָט זיך אָנגערוקט אַ נייע צרה:

דער רויבער האָט געהאַט אַ ברודער. אַלע האָבן אים גע־האַלטן פאַר אַן ערלעכן, פּראָסטן פויער. דער אמת איז אָבער גע־ווען, אַז דער ברודער האָט שטילערהייד אַרויסגעהאָלפן דעם רוי־בער האַרגים. ווען מען האָט דעם רויבער געבראַכט צופירן גע־שמידט אין קייטן, האַלב בלינד, האָט זיך זיין ברודער דערשראָקן: ווער ווייס? האַרגים קאָן נאָך דערציילן, אַז ער האָט אים אַרויס־געהאָלפן. האָט דער ברודער איבערגעלאָזן זיין הויז, זיינע בהמות און זיין גאַנץ באַלעבאַטישקייט און האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין וואַלד אַריין. עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און דער פויער האָט צונויפגענומען אַ גרויסע רויבער־באַנדע. די באַנדע האָט זיך פאַרקליבן אין וואַלד אין אַ פינצטערער הייל און קיינער האָט ניט געקאָנט צו איר צוקומען. די באַנדע האָט באַרויבט אַלע דורכפאָ־רער און דערהרגעט אַ סך אָנטרייבער. אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג.

די סוחרים פון אַלע שטעט אַרום יענעם וואַלד זענען זיך צו־זאַמענגעקומען און האָבן גענומען טראַכטן וואָס צו טאָן. האָט מען באַשטימט אַז מען זאָל אַנטקעגן די רויבער אַרויסשיקן פופציק באַוואָפנטע סאָלדאַטן. האָט מען אַזוי געטאָן, אָבער די רויבער האָבן באַזיגט די סאָלדאַטן.

האָט מען ווידער גערופן נאָך אַן אַסיפה און מען האָט באַ־שלאָסן אַז מען זאָל אַרויסשיקן הונדערט באַוואָפנטע סאָלדאַטן. האָט מען אַזוי געטאָן, אָבער די רויבער האָבן באַזיגט די הונדערט.

האָט מען ווידער גערופן אַן אַסיפה און מען האָט ווידער באַ־שלאָסן אַז מען זאָל אַרויסשיקן צוויי הונדערט סאָלדאַטן. האָט מען אַזוי געטאָן. אָבער די רויבער האָבן אויך די צוויי הונדערט סאָלדאַטן בייגעקומען. האָט מען שוין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווייל אַלע האָבן מורא געהאַט זיך גיין שלאָגן מיט די רויבער.

שניידערל קומט צו דער באַראַטונג פון די סוחרים

זיבן טעג און אַכט נעכט זענען הונדערט סוחרים געזעסן און און געטראַכט און געטראַכט. זייערע אויגן זיינען רויט געוואָרן פון ניט שלאָפן, די שטערנס פאַרקנייטשט פון טראַכטן, די באַקן איינגעפאַלן פון ניט עסן, אָבער זיי האָבן זיך צו גאָרנישט ניט געקענט דערטראַכטן.

אויפן אַכטן טאָג קומט אַריין שניידערל, בלייבט שטיין ביי דער טיר און זאָגט שטילערהייט :

— איך וועל גיין אין וואַלד אַריין און פאַרנאַרן די באַנדע רויבער.

— ווי אַזוי וועסטו דאָס טאָן, שניידערל ?

— דאָס איז אַ סוד.

— אַ סוד איז אַ סוד. אָבער ווי אַזוי ווילסטו מען זאָל דיך אויסריכטן אין וועג אַריין ? — האָבן געפרעגט די סוחרים.

— לייגט אַריין אין וואָגן אַ ביסל סחורה, — זאָגט שניידערל — אויך אַ פאָר פלעשלאַך בראָנפן, אַ נייע פאָר שיך, אַ היטל מיט אַ לאַקירטן גלאַנציקן דאַשעק, אַ גאָלדן בענדל איבער דעם דאַ־שעק און אַ זילבערנער אָדלער איבער דעם בענדל.

— מיר וועלן דיר געבן הונדערט היטלען.

— איך דאַרף ניט קיין הונדערט היטלען. אפשר שפעטער. איצט וויל איך נאָך איין היטל. אויפן בעסטן קאָפ קאָן מען מער ווי איין היטל ניט אָנטאָן. געדענקט אָבער גוט די עטלעכע זאַכן,

וואָס איך וועל אייך אָנזאָגן. חזרט עס איין. קום איך אָן מיט עמעצן אין שטאָט, מאַכט זיך, אַז איר קענט מיך ניט און איר ווייסט מיך ניט. אַז איך וועל אַריינגיין ערגעץ אין אַ קראָם און בעטן סחורה, זאָלט איר געבן. נאָכדעם ווי איך וועל די סחורה צונעמען, וועל איך אַראָפּנעמען דאָס היטל, זיך פאַרנויגן און פרעגן:

— באַצאָלט? מעג איך גיין? — זאָלט איר ענטפערן:

— דאַנקע שיין, מיטן גרעסטן כבוד. פאַרגעסט ניט ניט קו־מען נאָכאַמאָל.

איך וועל ביי דעם סוחר קאָהען בעטן היטלען. וויפל היטלען איך וועל בעטן, אַזוי פיל גזלנים זיינען דאָ אין וואַלד. וועט איר וויסן וואָס צו טאָן און זיך צוגרייטן.

— שניידערל איז אַראָפּ פון זינען, — האָבן עטלעכע סוחרים געזאָגט. וואָס וועט ער קענען אויפטאָן מיט אַ פּאָר נייע שיך און מיט אַ היטל?

— לאָזט אים צורו, — האָבן די אַנדערע געענטפערט. — האָט איר אָן אַנדער מיטל ווי אַזוי צו כאַפּן די רויבער? לאָמיר פּרובירן. שניידערל איז קלוג.

האָבן די סוחרים געגעבן שניידערל אַלץ, וואָס ער האָט פאַר־לאַנגט, און שניידערל האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

די באַנדע כאַפּט שניידערל

געקומען אין וואַלד אַריין, האָט שניידערל געלאָזן גיין דאָס פערד טראָט ביי טראָט. שלעפט זיך דאָס פערד און שניידערל זיצט אין וועגל און ברומט אונטער אַ לידל. מיטאַמאָל שפּרינגט אַרויס אַ רויבער פון וואַלד מיט אַ שווערד אין דער האַנט און טוט אַ קאָמאַנדעווע: „שטיי!"

שטעלט זיך שניידערל אָפּ. קומט צו דער רויבער צום וואָגן און באַפעלט: „אַראָפּ פון וואָגן". פאָלגט שניידערל.

— איצט קום מיט מיר, דו קרעציקער הונט, — טוט אַ רעווע דער רויבער.

— איך בין ניט קיין הונט, און איך בין ניט קיין קרעציקער, ענטפערט שניידערל.

— שווייג, — באַפעלט דער רויבער, און לייגט אַריין צוויי פינגער אין מויל און טוט אַ פייף. קומט צולויפן נאָך אַ רויבער און נעמט צו דעם פערד און וואָגן.

— זייט פאַרזיכטיק, חברה, — מאַכט שניידערל, — איר זאָלט וויסן, אַז איך בין שניידערל, דאָס קלוגע שניידערל, וואָס האָט באַזיגט דעם ריז הארגים.

— דו ביסט שניידערל ? — רופט אויס דער רויבער מיט פרייד, — איז דאָך גוט ! איך וועל קריגן אַ שיינע מתנה פון אונדזער הויפּטמאַן פאַר ברענגען דיך. ער קוקט שוין אויס זיינע אויגן אויף דיר.

— גוט, — זאָגט שניידערל גלייכגילטיק, — פיר מיך צו דיין הויפּטמאַן.

זיינען זיי געגאַנגען און געגאַנגען ביז וואַנען זיי זיינען אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד. זיינען זיי ווייטער געגאַנגען ביז זיי זיינען געקומען אין אַ טיפן טאָל. אין יענעם טאָל איז געווען אַ הייל. אין אָט דער הייל האָבן זיך אויפגעהאַלטן די רויבער.

האָט דער רויבער אַ בלאָז געטאָן דריי מאָל אויף אַ האָרן. עמעצער האָט אים געענטפערט. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ באַוואָפנטער רויבער און האָט געפרעגט :

— האָסט עמעצן געבראַכט, ברודער ?

— יאָ, אַ גרויסן העכט — שניידערל.

שניידערל איז דאָ ! — האָט אָפּגעהילכט דעם רויבערס שטים. האָבן זיך אַ שאָט געטאָן רויבער פון אַלע זייטן. באַלד האָט די גאַנצע באַנדע אַרומגערינגלט דעם קלוגן שניידערל.

עס איז אָפּגעקומען דער הויפּטמאַן אַליין. אַלע רויבער האָבן אים סאַלוטירט און דער ערשטער רויבער האָט געזאָגט :

—איך האָב אים געבראַכט, איך האָב געבראַכט דאָס קלוגע שניידערל.

און דער הויפּטמאַן האָט געזאָגט : „גוט, זייער גוט. איצט, ברידער, זאָגט, וואָס מען זאָל טאָן מיט אים, מיט אָט דעם שניי-

דערל ? זאָלן מיר אים הענגען, שיסן, דערטרינקען, אָדער גאָר בינדן און אַוועקוואַרפן אין וואַלד און בײזע חיות זאָלן אים פֿאַר־צוקן ?"

האָבן אַ סך רויבער געזאָגט — הענגען. אַנדערע האָבן גע־זאָגט — שיסן. אַנדערע — דערטרינקען, און עטלעכע — בינדן און וואַרפן צו די חיות. איז געוואָרן אַ געטומל און אַ געפּילדער.

שנײדערל װײַזט דער באַנדע נײַע שפּיצלעך

עמט שנײדערל אַרויס זײַן פּיפּקע פֿון מויל און רופֿט זיך אָן און זאָגט:

— וואָס אײַלט איר זיך אַזוי, ברידער ? וואַרט צו אַ ווײַל. איך וועל דאָך פֿון אײַך ניט אַנטלויפֿן. טראַכט גוט איבער די זאַך.. לײגט זיך איבער. איך קאָן אײַך באַװײַזן עטלעכע קונצן. איך קאָן אײַך ווײַזן ווי אַזוי אַוועקצוגנבענען בײַ יעדן פּויער, וואָס פֿאָרט איבערן שליאַך, זײַן פֿערד און וואָגן.

— מײַנס אַוועקרויבן ?

— נײן, אַוועקגנבענען און אים קײן שלעכטס ניט טאָן.

— דאָס ווילן מיר טאַקע זען, — האָבן געענטפֿערט די רויבער.

— גוט, — זאָגט שנײדערל, — קומט מיט מיר.

גײט שנײדערל צו צום וואָגן, נעמט די פּאָר שיך, וואָס איז דאָרט געלעגן, און לאָזט זיך מיט די רויבער גײן צום שליאַך.

פֿאָרט אַ פּויער איבערן שליאַך. פֿאַרלויפֿט אים שנײדערל דעם וועג אַזוי, אַז דער פּויער זאָל ניט זען, און וואַרפֿט אַוועק אַ רעכטן שוך אויפֿן שליאַך.

קומט אָן דער פּויער, זעט אַ נײַעם שוך ליגן און וויל אים אויפֿ־הײבן. באַטראַכט ער זיך אָבער, ס'איז דאָך אײן שוך, צו וואָס טויג ער אים ? לאָזט ער דעם שוך ליגן.

פֿאַרלויפֿט אים ווידער שנײדערל דעם וועג און וואַרפֿט אַוועק דעם לינקן שוך אויפֿן שליאַך. פֿאָרט אָן דער פּויער, דערזעט דעם לינקן שוך און שטעלט זיך אָפּ. — סאַראַ נאַר איך בין געווען, —

טראַכט דער פויער — וואָלט איך פריער אויפגעהויבן דעם רעכטן שוך, וואָלט איך איצט געהאַט אַ גוטע פּאָר שיך.

שטעלט דער פויער אָפּ פערד און וואָגן, הייבט אויף דעם שוך און לאָזט זיך גיין צוריק צופוס אויפהייבן דעם ערשטן שוך. גייט דערווייל שניידערל צו און פאַרנעמט דעם פויערס געשפּאַן.

דאָס שפּיצל איז די רויבער זייער געפעלן געוואָרן און דער הויפּטמאַן זאָגט: „אַ, דו ביסט קלוג, שניידערל, בלייב מיט אונדז".

— אַוואַדע וועל איך בלייבן. איך האָב נאָך אַ שענער שפּיצל אייך צו באַווייזן. איצט קומט, לאָמיר עפּעס צובייסן און וואַרטן ביז מאָרגן. מאָרגן וועל איך אייך ווייזן עפּעס אַן אַנטיק.

שניידערל האָט צוריקגעפירט דאָס פערד און וואָגן צום שליאַך, עס איבערגעלאָזן פאַר דעם פויער און איז דערנאָך אַוועק מיט די רויבער אין וואַלד אַריין.

אַ היטעלע מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק

האָט מען אָפּגעהוליעט אַ גאַנצע נאַכט. מען האָט געגעסן און פאַרטרונקען מיט בראָנפן און ווייַן און געזונגען און געטאַנצט, אַז דער וואַלד האָט געציטערט.

אין דער פרי רופט זיך אָן דער הויפּטמאַן:

— נו, שניידערל, וואָס פאַר אַ קונץ וועסטו אונדז איצט באַווייזן?

ענטפערט שניידערל און זאָגט:

— איך האָב ביי זיך אין וואָגן אַ היטעלע מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק. איבערן דאַשעק אַ גאָלדן בענדל און איבערן בענדל אַ זילבערנער אָדלער. אָט דאָס היטעלע האָט אין זיך אַ כּישוף: איר קאָנט אַריין אין וועלכער עס איז קראָם, קויפן וואָס איר ווילט און ניט באַצאָלן קיין גראָשן, איר הייבט נאָר אויף דאָס היטעלע און פרעגט: „באַצאָלט? מעג איך גיין?" און איר הערט גלייך דעם ענטפער: „דאַנקע שיין, מיטן גרעסטן כּבוד, פאַרגעסט ניט קומען נאָכאַמאָל".

— קאָן מען נעמען אַלץ וואָס מען וויל ? — פרעגט איין רויבער.

— אַוואַדע אַלץ, און מען דאַרף זיך ניט איינשטעלן דאָס לעבן, ווי איר טוט עס.

— איז דאָך גוט ! — מאַכט דער הויפּטמאַן.

— אַוואַדע גוט.

— אָבער ווי אַזוי וועלן מיר וויסן צי עס איז אמת ? — פרעגט דער הויפּטמאַן.

— טאַקע, — פרעגן די אַנדערע רויבער, — טאַקע ווי אַזוי ?

— ווייסט איר וואָס ? שיקט מיט מיר דעם הויפּטמאַנס טאָכטער. זאָל זי זען, צי עס איז אמת, צי עס איז ניט אמת.

האָבן אַלע צוגעשטימט.

אויף מאָרגן איז שניידערל אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין צוזאַמען מיט דעם מיידל. ער קומט אַריין אין אַ קראָם, נעמט צוויי פונט שאָקאָלאַד, טוט אַ הויב דאָס היטעלע און פרעגט : „באַצאָלט ? מעג איך גיין ?"

פאַרנייגט זיך דער קרעמער און ענטפערט : „דאַנקע שיין, מיטן גרעסטן כבוד, פאַרגעסט ניט קומען נאָכאַמאָל".

גייט שניידערל אַריין אין אַן אַנדער קראָם און נעמט מעל, ברויט, צוקער, וואורשטן, שנאַפּס. ער גייט אַריין אין אַ קליידער געשעפט, נעמט אַ שיין קליידל פאַר דעם הויפּטמאַנס טאָכטער. און אומעטום דאָס זעלביקע : אַ הויב מיטן היטעלע און שוין, קיין געלט האָט מען ניט געבעטן.

צום לעצטן איז שניידערל אַריין אין אַ קראָם פון היטלען און „געקויפט" פופציק גאָלדענע פּאַסיקלאַך, פופציק זילבערנע אָדלערס, און פופציק היטלען. פאַרן אַוועקגיין זאָגט שניידערל : „געדענקט־זשע, פופציק היטלען האָב איך גענומען". האָט שוין דער קרעמער פאַרשטאַנען, אַז עס זיינען דאָ פופציק רויבער.

די באַנדע פאַלט אַרײַן

שנײדערל האָט געבראַכט צו די רויבער אַ פולן אָנגעפּאַקטן וואָגן. זײ האָבן עס דערזען און ניט געגלויבט די אײגענע אויגן.

פרעגן זײ דעם מײדל צי עס איז אמת, אַז ער האָט ניט געצאָלט קײן געלט. ענטפערט דאָס מײדל:

— עס איז אמת. ער גײט אַרײַן אין װעלכער קראָם ער װיל נאָר, נעמט װאָס ער װיל, גיט ניט קײן גראָשן, נעמט נאָר אַראָפּ דאָס היטעלע און פרעגט: „באַצאָלט? מעג איך גײן?" און אַלע קרעמער ענטפערן דאָס זעלביקע: „דאַנקע שײן, מיטן גרעסטן כבוד, פאַרגעסט ניט קומען נאָכאַמאָל".

האָבן די רויבער זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן: „אָט אַזױ גרינג קריגן געלט איז דאָך עפּעס גאָר גוט. צו װאָס אײַנשטעלן דאָס לעבן און רויבן, אַז עס קאָן אַזױ גרינג אַלץ אָנקומען?"

און שנײדערל האָט געזאָגט:

— הערט מיך אויס, ברידער. איך האָב געבראַכט פּופּציק היטלען, פּופּציק גאָלדענע בענדלעך און פּופּציק אָדלערס. איך בין דאָך אַ שנײדער, װעל איך נאָך הײַנט בײַנאַכט אַלץ צוגרײטן: אַ בענדל אויף אַ היטל און אַן אָדלער איבערן בענדל. מאָרגן װעט יעדער פון אונדז נעמען אַ היטעלע, באַהאַלטן אונטערן פאָלע און מיר װעלן אַװעק אין שטאָט אַרײַן. יעדער אײנער װעט אַרײַן אין אַ באַזונדער קראָם און נעמען װאָס זײַן האַרץ גלוסט. אַזױ אַרום װעלן מיר אויסלײדיקן דאָס שטעטל.

האָבן די רויבער אַזױ געטאָן. זײ האָבן געלאָזן זײערע ביקסן און שווערדן אין הײל. יעדער האָט נאָר מיטגענומען מיט זיך דאָס היטעלע און אַ גרויסן, ברײטן זאַק.

זײַנען די רויבער אָנגעקומען אין שטאָט און האָבן זיך צע־שפּרײט איבער די גאַסן. יעדער אײנער האָט זיך אויסגעקליבן אַ קראָם און זײ זײַנען אַלע מיטאַמאָל אַרײַן אין באַזונדערע קראָמען.

אײדער זײ זײַנען אַרײַן אין די קראָמען האָבן זײ אויסגעטאָן

זייערע היטלען און אָנגעטאָן די היטעלעך מיט די גלאַנציקע דאַ־שיקעס און זילבערנע אָדלערס. ווי מען האָט זיי נאָר דערזען אין די קראָמען, האָט מען באַלד פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען דאָס די רויבער. האָט מען זיי געכאַפּט, געשמידט אין קייטן און פאַרפּאַקט אין געפענגעניש.

שניידערל האָט דערנאָך אַוועקגעפירט די פּאָליציי אין דער הייל פון די רויבער, האָט מען דאָרטן געפונען גענוג גאָלד און סחורה צו באַצאָלן אַלעמען וועמען די רויבער האָבן באַרויבט.

פאַר זיך אַליין האָט שניידערל גאָרניט גענומען. ער האָט נאָר געבעטן אַז מען זאָל דעם הויפּטמאַנס טאָכטער ניט באַשטראָפן. האָט מען אים געפאָלגט און מען האָט זי באַפרייט.

אַנדערע דערציילן, אַז דעם הויפּטמאַנס טאָכטער, וועלכע איז געווען זייער אַ שיינע, האָט חתונה געהאַט מיט שניידערלס זון. אויף זיכער ווייסט מען עס ניט.

ר י ז ן

שניידערל ווערט באַרימט

ניידערל האָט פאַרנאַרט די באַנדע רויבער, זיך צוריק־געקערט אַהיים און האָט ווייטער געאַרבעט פאַרן סוחר פריד. ער האָט געוואָלט לעבן רואיק און צו־פרידן, האָט זיך אָבער באַלד אָנגערוקט אַ נייע צרה. ער איז געוואָרן באַרימט. שניידערל איז געוואָרן שטאַרק באַרימט. מען האָט פון אים געהערט אין דער הויפּשטאָט.

איינמאָל איז אָנגעקומען אַ באַפעל אין שטעטל, אַז שניידערל זאָל קומען זיך מעלדן צום קעניג. אַז אַ קעניג באַפעלט מוז מען פאָלגן, און שניידערל איז אַוועקגעפאָרן.

פ ל י ג ן

עקומען אין פּאַלאַץ, האָט שניידערל געזען ווי דער קייסער זיצט אויף אַ גאָלדענעם שטול און לעבן אים שטייען סאָל־דאַטן מיט בלאַנקע שווערדן און סענאַטאָרן אָן היטלען. לעבן טראָן שטייט אַ טיש מיט טייערע טאָרטן און ווײַנען, און פליגן פון גאָר דער וועלט זענען אָנגעזעצט אויף די זיסע גע־בעקסן. צוויי באַדינער פאָכן מיט פעכערס און טרייבן די פליגן, אָבער עס העלפט ניט.

— דו זאָלסט וויסן, שניידערל, אַז אַ באַנדע ריזן האָט זיך פאַר־קליבן פופציק מייל פון דער הויפּשטאָט און זיי דערגייען מיר די יאָרן, — מאַכט דער קעניג צום שניידערל. — איך האָב אַרויסגע־שיקט קעגן זיי סאָלדאַטן מיט ביקסן און האַרמאַטן, אָבער עס העלפט ניט, די ריזן רייסן אויס גרויסע פעלזן, וואַרפן זיי אויף די סאָלדאַטן און דערהרגענען זיי. איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. איך

האָב געהערט אַז דו ביסט קלוג, זייער קלוג, האָב איך געשיקט נאָך דיר, אפשר וועסטו מיר קאָנען העלפן.

הערט שניידערל מיט איין אויער און זיינע אויגן זיינען אַריינ־געטאָן אין די טאָרטן: זעט אויס געשמאַקע טאָרטן. אַ שאָד וואָס די פליגן עסן זיי אויף. אַ שאָד טאַקע. מען דאַרף עס ניט דערלאָזן". טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט אַראָפּצוטרייבן די פליגן. טוט אַ זשומע, און אַ הויפן פליגן פאַלט טויט, ציילט זיי דער שניידערל איי־בער: פערציק פליגן. אַן אויפטו!

און דער קייסער רעדט ווייטער.

— איך וועל שיקן מיט דיר טויזנט סאָלדאַטן, זיי וועלן דיר העלפן פאַרטיליקן די ריזן.

הויבט אויף שניידערל די אויגן פון די טאָרטן און טוט אַ קוק און זאָגט:

— עס וועט ניט טויגן מיט צו נעמען סאָלדאַטן. טויזנט סאָל־דאַטן זאָלן זיך שלאָגן מיט די ריזן טויג ניט. די ריזן וועלן אויסרייסן נאָך גרעסערע פעלזן און דערהרגענען די טויזנט סאָלדאַטן. און צו טויזנט סאָלדאַטן וואָס דאַרף מען מיך? וואָס בין איך, אַ גענעראַל?

אַ פּאַס זייד, גאָמעלקעס, קיכלעך און אַ פייגעלע

וואַרט, לאָמיך עפּעס צוטראַכטן — זאָגט דאָס קלוגע שניידערל — טראַכטן איז געזונט פאַרן קאָפּ. און שניידערל האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, פאַרמאַכט די אויגן, זיך פאַר־טראַכט. געטראַכט, געטראַכט און זיך דערטראַכט. רופט ער זיך אָן צום קעניג:

— איך וויל איר זאָלט נעמען אַ פּאַס רויטן זייד און אָנשרייבן מיט גרויסע אותיות: „מיט איין קלאַפּ האָט שניידערל דערהרגעט פערציק". אונטערן אויפשריפט לייגט אַרויף דעם קעניגס שטעמפּל, אַ בעוויז, אַז עס איז אַן אמת. און אַן אמת איז עס דאָך, — גיט צו שניידערל מיט אַ שמייכל, — אָט ליגן זיי אויפן דיל.

— און דערנאָך, — באַפעלט ווייטער שניידערל, — הייסט דעם בעקער אָנבאַקן אַ זעקעלע קיכלעך. אין העלפט פון זיי זאָל

ער איינבאַקן אַ שטיינדל אין יעדן קיכל, און אין די אַנדערע זאָל זיין איינגעבאַקן אַ נוס אין יעדן קיכל. דערנאָך מאַכט מיר קעז־גאָמעלקעס, און כאַפּט מיר אַ פייגעלע.

— און וואָס וועסטו טאָן מיט דעם אַלעם ? — פרעגט דער קעניג.

— עס איז אַ סוד, — ענטפערט שניידערל, — ס'איז אַ סוד, מיין קעניג.

— פאַרן קעניג טאָרן ניט זיין קיין סודות — טוט אַ דונער אַ סענאַטאָר.

— אמת, — ענטפערט דאָס קלוגע שניידערל — פאַרן קע־ניג טאָר מען ניט האָבן קיין סודות, אָבער איך ווייס נאָך אַליין ניט ווי אַזוי איך וועל קאָנען אָפּנאַרן די ריזן. אפשר זיינען זיי גאָר־ניט אַזוי נאַריש ?

— איז וואָס־זשע וועסטו דעמאָלט טאָן ? — פרעגט דער קעניג.

— גאָרניט — ענטפערט שניידערל — אויב איך וועל זיי ניט קאָנען אָפּנאַרן, וועלן זיי מיך דערהרגענען, און אַ טויטער דאַרף גאָרנישט ניט האָבן און דאַרף גאָרנישט ניט טאָן.

— האָסטו גאָר קיין מורא ניט ? — האָט דער קעניג גע־פרעגט.

— נו, אַז איך האָב מורא איז וואָס ? אַ בראַווער מענטש דאַרף בייקומען זיין שרעק — ענטפערט שניידערל.

— גוט געזאָגט — ענטפערט דער קעניג, — גוט געזאָגט — און ער האָט באַפוילן צו געבן דעם קלוגן שניידערל אַלץ וואָס ער האָט געבעטן.

שניידערל פאַרמעסט זיך מיט אַ ריז

שניידערל איז געגאַנגען, ביז ער איז געקומען צו אַ געדיכטן וואַלד. דער וואַלד איז געווען אַזוי געדיכט, אַז עס איז דאָרט געווען פינצטער אין מיטן העלן זומער־טאָג, גייט דאָס קלוגע שניידערל און קייט זיינע קיכלעך און זינגט :

פּערציק מיטאַמאָל,
פּערציק מיט איין קנאַק ,
ווער עס גלייבט מיר ניט
וועט כאַפּן זיין פּסק.

פּערציק מיטאַמאָל,
פּערציק מיט איין האַנט,
שניידערל איז דער העלד,
דער העלד פון גאַנצן לאַנד.

פלוצעם האָט שניידערל דערהערט אַ געלעכטער, אַ געלעכטער וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי אַ דונער און געמאַכט ציטערן דעם וואַלד. אים איז געוואָרן הייס, הייס דערשטיקט צו ווערן. און באַלד אין אים געוואָרן קאַלט, ווי מען וואָלט אים אַריינגעוואָרפן ווינטער אין אַ טייך אייז. ער איז אָבער געבליבן שטיין רואיק. שטילערהייט האָט ער גענומען זיך אונטערגעבן מוט: „האָט מען מורא פאַר וועלף, דאַרף מען ניט גיין אין וואַלד. נעמט מען זיך אונטער מלחמה־האַלטן מיט ריזן, דאַרף מען באַהאַלטן די שרעק״. אָפּגערעדט דאָס צו זיך, האָט ער אויסגערופן מיט אַ גראָבער שטים:

— און ווער וואַגט עס לאַכן אַזוי?

— איך, — טוט אַ דונער דער ריז, — איך, מייזעלע, לאַך פון דיר! און שניידערל דערזעט פאַר זיך אַ ריז העכער פון אַ בוים און גרעבער פון אַ מויער.

— דאָס ביסטו דער ריז, וואָס כ׳האָב פון אים אַזוי פיל געהערט? פרעגט שניידערל. שלום־עליכם, ריז, שלום־עליכם, חבר! איך האָב דיך טאַקע אַרומגעזוכט. געוואָלט פאַרמעסטן זיך מיט דיר אין כוחות.

— מיט מיר ווילסטו זיך פאַרמעסטן?

— אַוואַדע!

צעלאַכט זיך דער ריז נאָך אַמאָל און זיין געלעכטער הילכט אָפּ ווי אַ דונער, און ער זאָגט: „לאָמיך דיך פריער אָנקוקן קאַרליק, וואו ביסטו?״

— אַט בין איך, אַט בין איך, קוק מיך אָן — נאַ, זע, לייען: „מיט איין קלאַפּ האָט שניידערל דערהרגעט פערציק”, דו הערסט? מיט איין קלאַפּ!

— זייער שיין, זייער פיין. ווילסטו אפשר זען, וואָס איך קאָן אָפּטאָן? — זאָגט דער ריז, און ער טוט אַ כאַפּ אַ שטיין די גרויס פון שטוב, טוט אים אַ הייב, אַ וואָרף אַזוי, אַז דער שטיין פאַלט אַ מייל ווייט.

— ס'איז טאַקע אַן אויפטו, — זאָגט שניידערל, — אָבער ניט אַזאַ גוואַלטיקער אויפטו. איך וועל דיר ווייזן אַ שענערן קונץ! אַט וועל איך אַ וואָרף טאָן אַ שטיינדל, וועט עס פאַלן אַזוי ווייט, אַז דו וועסט ניט זען וואו עס פאַלט.

— גוט, — זאָגט דער ריז — איך וואָלט עס טאַקע געוואָלט זען.

נעמט שניידערל אַרויס פון קעשענע דאָס פייגעלע, וואָס דער קעניג האָט אים געגעבן, טוט עס אַ וואָרף, ווי איינער וואַרפט אַ שטיינדל, און דער ריז האָט טאַקע ניט געזען וואוהין דאָס „שטיינדל” איז אַהינגעקומען.

איז עס דעם ריז זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט געזאָגט: — נו, דו ביסט טאַקע אַ מאַדים, אָבער איך וועל דיר באַלד ווייזן נאָך עפּעס שענערס פון דעם, — און ער טוט אַ כאַפּ אַ שטיין און צערייבט אים אויף שטויב.

רופט זיך אָן דאָס קלוגע שניידערל און זאָגט: — דאָס איז טאַקע אַן אויפטו, אָבער איך וועל דיר ווייזן עפּעס בעסערס. דו זעסט מיינע קיכלעך? דאָס איז מיין עסן ספּעציעל פאַר מיר געבאַקן, ווייל איך האָב ליב האַרטע קיכלעך. לאָמיך זען צי דו קאָנסט זיי צעקייען.

צעלאַכט זיך דער ריז: — אוי ביסטו אַ ליץ, קאַרליקל, — און ער טוט אַ כאַפּ אַ הויפן קיכלעך און וואַרפט אַריין צו זיך אין מויל אַריין און וויל אָנהייבן קייען. ער טוט אַ קיי איין מאָל, צוויי מאָל און הייבט אָן שרייען: „אוי, מיינע ציין! נאַ, זע, אַזאַ געזונטער צאָן, אויסגעבראָכן!” — און טוט אַ שפּיי־אויס אַ מויל מיט בלוט.

לאַכט שניידערל און זאָגט: — איך האָב עס פריער גע־וואוסט. איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט ניט קאָנען צעקייען מיינע קיכלעך. זיי זיינען האַרט, האַרטער פון קיזלשטיין, ספּעציעל גע־באַקן פאַר מיר, נאַ, זע, ווי איך קיי זיי — און שניידערל פּאַקט אַן אַ פול מויל מיט די קיכלעך, וואָס זיינען געבאַקן געוואָרן מיט ניס און קייט אויף וואָס די וועלט שטייט.

שטייט עס ניט אָן דעם ריז: אַזאַ קאַרליקל זאָל די קיכלעך יאָ קאָנען צעקייען און ער ניט! בעט ער ווידער אַ הויפן קיכלעך, און שניידערל זשאַלעוועט אים ניט. ער גיט אים די קיכלעך, וואָס זיינען געבאַקן געוואָרן מיט די שטיינדלעך, און שמייכלט.

דער ריז טוט ווידער אַ כאַפּ דעם הויפן קיכלעך, אַ פּאַק אַריין אין מויל, אַ קיי, און אַ געשריי „אוי מיינע ציין", און שפּייט ווידער אויס אַ צאָן ווייס ווי מילך, גרויס ווי אַן איי, נאַר צעבראָכן אויף דער העלפט. — „איך וועל דאָך בלייבן אָן ציין" — יאָמערט דער ריז, — „אָן ציין וועל איך בלייבן מיט אַ ליידיק מויל ווי אַ ניי גע־בוירן קינד!

— אַז מען קאָן ניט
און מען ווייסט ניט,
נעמט מען זיך ניט או־ו־ו־נטער,
אַי, אַי, אַי, אַי......

זינגט שניידערל מיט אַ ניגון: „דו מאַכסט אַן אָנשטעל, אַז דו ביסט דער שטאַרקסטער מענטש אויף דער וועלט, און קאָנסט ניט צעקייען מיינע קיכלעך. איז וואָס־זשע ביסטו ברוגז, פעטער ריז?"

צעקאָכט זיך דער גיבור: — איך וועל דיר ווייזן וואָס איך קאָן! און ער טוט אַ נעם מיט זיינע לאַפּעס אַ דעמב, רייסט אים אויס מיט די וואָרצלען און וואַרפט אים אַוועק וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. דערנאָך טוט ער אַ כאַפּ נאָך אַ בוים, נאָך אַ בוים און נאָך אַ דעמב און האַלט זיי אין איין שליידערן אין דער לופט.

שטייט שניידערל רואיק, קוקט וואָס דער גיבור טוט, קייט קיכלעך און זאָגט זיך געלאַסן:

— ס'איז אַן אויפטו, פּעטער ריז, טאַקע אַן אויפטו. ווייז אָבער אַ קונץ, מיין ליבער פריינד, און קוועטש אַרויס וואַסער פון אַ שטיין. זאָל זיין ניט פון אַ גרויסן שטיין, פון אַ שטיינדעלע כאָטש.

טוט דער ריז אַ כאַפּ אַ שטיינדל אין זיין האַנט, קוועטשט און קוועטשט, צערייבט עס אויף שטויב, אָבער קיין וואַסער האָט ער ניט אַרויסגעקוועטשט. ווערט ער ברוגז און טוט אַ זאָג :

— און דו קאָנסט יאָ אַרויסקוועטשן וואַסער פון אַ שטיינדל ?

ענטפערט שניידערל : — אַוואַדע קאָן איך ! אַ גרויסער ווערט. אויך מיר אַ קונץ ! — און ער הויבט אויף אַ שטיינדל פון דער ערד, און פלינק ווי אַ גנב בייט ער עס איבער אויף אַ קעז־קיי־קעלע וואָס דער קייסער האָט אים געגעבן און טוט אַ קוועטש. איינס, צוויי, און ס'האָט אָנגעהויבן רינען וואַסער פון צווישן די פינגער.

די ריזן ווילן קרוינען שניידערל פאַר קעניג

האָט דער ריז אַראָפּגעלאָזען די נאָז אַ באַזיגטער און זיך אָפּ־גערופן :

— איך זע אַז דו ביסט טאַקע שטאַרקער און פלינקער פון מיר. קום מיט מיר צו מיינע ברידער און מיר וועלן דיך קרוינען פאַר אונדזער קיניג.

— וויפל ברידער זענט איר ?

פינף ברידער און אונדזער פאָטער. מיר זענען געווען זיבן ברידער, זיינען צוויי דערהרגעט געוואָרן. דער אוניקאָרן האָט זיי דערהרגעט.

— ווער איז דער אוניקאָרן ?

— דו ווייסט ניט ?

— ניין, איך ווייס ניט .

— מאָדנע, — מאַכט דער ריז, — איך האָב געמיינט אַז אַלע ווייסן וואָס אַן אוניקאָרן איז.

— איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ חיה, — זאָגט שניי־דערל.

— דו האָסט געטראָפן, — מאַכט דער גיבור, — ס'איז טאַקע

אַ חיה, אַווילדע חיה. זי איז גרויס ווי אַן אָקס. דער קערפּער ווי פון אַ ווילדן חזיר, די פיס זיינען ווי ביי אַ לייב, דער עק פון אַ לעמ־פּערט און דער קאָפּ ווי ביי אַ העלפאַנט, נאָר אַן דער לאַנגער נאָז. פאַר אַ נאָז האָט דער אוניקאָרן אַ האָרן אינמיטן שטערן. דער האָרן איז שאַרף ווי אַ שפּיז און האַרט ווי אַ קיזל־שטיין. גיט דער אוני־קאָרן אַ שטאָך מיטן האָרן, איז שוין נאָך דיר. צוויי ברידער מיינע זיינען געגאַנגען אויף יאַגד און האָבן דערזען די חיה. זיי זיינען דאָך מיינע ברידער, האָבן זיי זיך ניט דערשראָקן און ניט אַנטלאָפן, האָט זיי דער אוניקאָרן דערשטאָכן. אַ דריטער ברודער איז גע־גאַנגען נעמען נקמה פון דער ווילדער חיה, אָבער ער האָט קוים זיך געראַטעוועט מיטן לעבן. ער איז טאַקע לעבן געבליבן, אָבער אַ קאַליקע איז ער ביז היינטיקן טאָג. דער אוניקאָרן האָט אים צע־לעכערט אַ פוס. ווען מיר האָבן דערזען ווי שטאַרק דער אוניקאָרן איז, האָבן מיר אים געלאָזן צורו. מיר האָבן זיך פאַרקליבן אויף אַ הויכן באַרג, אויסגעבויט אַ הויז און מיר וואוינען דאָרט. מיר לעבן פון רויב און ס׳איז אונדז וואויל.

— און איר האָט גאָרניט קיין מורא פאַרן קעניג? — פרעגט שניידערל.

— פאַרוואָס זאָלן מיר מורא האָבן פאַרן קעניג, אַז מיר קאָנען באַזיגן זיינע סאָלדאַטן? — ענטפערט דער ריז.

— גערעכט, — זאָגט שניידערל, — גערעכט. און פאַרוואָס ווילסטו מיך מאַכן פאַר אַ קעניג?

— ווייל דו ביסט שטאַרקער און פלינקער פון אונדז. קום וועסטו זיך באַקענען מיט מיינע ברידער און מיט אונדזער פאָטער.

גייט שניידערל מיט דעם ריז. ניט ער גייט, נאָר ער לויפט, ווייל ער וויל נאָכהאַלטן דעם גאַנג פון גיבור. קומען זיי אָן צום באַרג וואו די ריזן וואוינען.

שטעלט דער ריז פאָר שניידערל פאַר דער משפחה און דער־ציילט דעם קאַרליקלס גבורה. די ברעמען באַ די ריזן ווערן אָנגע־צויגן, די פּנימער פאַרכמורעט. פאַרשטייט שניידערל, אַז עס גע־פעלט זיי ניט די מעשה. אָבער די ריזן שווייגן, שווייגט שניידערל אויך.

ר י ז ן

שניידערל קליגט איבער אַלע פינף ריזן

ד'איז געוואָרן פינצטער. די ריזן האָבן זיך געזעצט עסן און האָבן פאַרבעטן שניידערל צום טיש.

— איך וועל מיט אייך גיין צום טיש, — ענטפערט ער, אָבער עסן מיט אייך קאָן איך ניט, ווייל איך האָב ליב האַרטע שפּייזן. איך האָב מיט זיך שטענדיק קליינע קיכלעך, האַרט ווי אייזן, און דאָס איז מיין באַליבטע שפּייז.

רופט זיך אָן דער פאָטער: "לאָמיך זען, קאַרליק, דיין שפּייז, לאָמיך זען".

נעמט שניידערל אַרויס די קיכלעך, וואָס זיינען געקנאָטן געוואָרן מיט די שטיינדלעך און גיט זיי אים. טוט דער פאָטער אַ כאַפּ אַ פּאָר קיכלעך מיטאַמאָל, טוט אַ קיי און אַ געשריי: "מיינע ציין!" און שפּייט אויס אַ צאָן די גרויס פון אַ פויסט.

שניידערל ענטפערט ניט קיין וואָרט, זיצט ביים טיש און קייט די קיכלעך. קוקן די ריזן און שווייגן, שווייגט ער אויך.

אָפּגעגעסן, רופן זיך אָן די ברידער: — און וואו וועלן מיר לייגן שרעטעלען?

זאָגט דער פאָטער: — ער איז אונדזער קעניג, דאַרף ער ליגן אין מיין בעט.

ליגט שניידערל אין דעם גיבורס בעט און הערט ווי די ריזן שעפּטשען צווישן זיך. זיי ריידן שטיל, זיי מיינען אַז קיינער הערט זיי ניט. אָבער זייערע קולות האָט מען געקאָנט הערן מיילן ווייט. הערט ער ווי זיי זאָגן: — ס'איז קיין פּלאַן ניט לאָזן דעם קאַרליק לעבן. לאָמיר נעמען אַ גרויסן שטיין און אַריינוואַרפן אין בעט. דאָס בעט וועט צעבראָכן ווערן, און דער קאַרליק וועט געהרגעט ווערן...

הערט שניידערל און טראַכט: "וואָס טוט מען איצט?" קריכט ער אַרויס פון אונטערן צודעק און קריכט אַריין צווישן מאַטראַץ און ווענטל פון בעט. געענוג פּלאַץ פאַר אים דאָרטן. אָבער איידער ער האָט דאָס געטאָן האָט ער אַוועקגעלייגט אַ קישן אונטערן צודעק אויפן פּלאַץ וואו ער איז געלעגן. גאַנץ פרי האָבן

די ריזן אַרײַנגעבראַכט אַ שטײן און אַ װאָרף געטאָן אויפֿן פּלאַץ, װאו שנײדערל האָט געזאָלט שלאָפֿן. דער שטײן האָט דורכגע־בראָכן דאָס בעט און די ריזן זײַנען געװען זיכער, אַז דער קאַרליק איז דערהרגעט געװאָרן. דער שטײן איז דאָך גרעסער פֿון אים. נעמען זיך די נאַרישע ריזן פֿאַר די הענט און טאַנצן פֿון גרויס שמחה אין אַ קאַראַהאָד און זינגען:

הּאָלץ איז שטאַרק,
פֿײער קאָן עס ברענען.
פֿײער איז שטאַרק,
װאַסער קאָן עס לעשן.
װאַסער איז שטאַרק,
אַ װאָלקן קאָן עס זופּן .
אַ װאָלקן איז שטאַרק,
אַ װינט קאָן אים צופּן.
מיר זײַנען אָבער די שטאַרקסטע,
קײנער קאָן אונדז ניט באַזיגן,
מיר װילן מלחמה
און ניט קײן פֿרידן.

די ריזן האָבן געטאַנצט און געזונגען, אַזש די בערג האָבן געציטערט. שטײט אויף שנײדערל, קריכט אַרויס פֿון שפּאַרונע און טוט אַ זאָג:

— גוט מאָרגן, מײַנע אונטערטאַנען! אַ גוט מאָרגן אויף אײַך! זײער שײן פֿון אײַך זיך צו פֿרײען מיט אײער קעניג.

דערשרעקן זיך די ריזן, פֿאַלן אויף די קני און הײבן זיך אָן בעטן: — פֿאַרגיב אונדז אונדזער זינד, אונדזער האַר און קעניג, פֿאַרגיב אונדז!

— דאָס מאָל װעל איך אײַך פֿאַרגעבן אײער װידערשפּעני־קײט, — זאָגט שנײדערל ברײטלעך. —אָבער געדענקט און היט זיך פֿאַר מײַן צאָרן!

— מיר הערן און פֿאָלגן אונדזער קעניג! — האָבן די ריזן געענטפֿערט מיט אײן קול.

— פרישטיק! — האָט שניידערל אַ קאָמאַנדעווע געשאָן. און די ריזן האָבן געגרייט אַ טיש ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעניג. נאָכן פרישטיק זאָגן די ריזן צום שניידערל.

— דו ביסט אונדזער קעניג. אַ קעניג דאַרף פירן די מלחמות פאַר זיינע אונטערטאַנען, טאָ פיר פאַר אונדז אַ מלחמה און פאַרטיליק דעם אוניקאָרן.

— גוט, — זאָגט שניידערל, — איך וועל פאַרטיליקן דעם אוניקאָרן. איר ווייסט דאָך וואו דער אוניקאָרן געפינט זיך, טאָ טראָגט צו אַהין אַ שטיק פלייש. ברענגט אויך אַהין אַ היטל, אַ פּאָר הויזן, אַ רעקל, אַ ווייס שטיקל לייוונט, אַ פּאָר אויסגעלאָשענע קוילן, אַ לאַנג יאַגד־מעסער, און אַ ביסל שטרוי.

האָבן די ריזן געפאָלגט און געטאָן ווי שניידערל האָט זיי באַפוילן.

דער קאַמף מיטן אוניקאָרן

נעמט שניידערל און שטאָפּט אָן דאָס רעקל און די הויזן מיט שטרוי, אַזוי אַז עס זאָל אויסזען ווי אַ מענטש. אויפן ווייסן לייוונט האָט ער אויסגעמאָלן מיט די קוילן אַ געזיכט, און דעם אויסגעמאָלטן „מענטשן" האָט ער געגעבן האַלטן דאָס פלייש. דעם „מענטשן" האָט ער צוגעשפּאַרט צו אַ בוים און אַליין איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן העכסטן צווייג און האָט געוואַרט.

ער וואַרט און וואַרט. מיטאַמאָל דערהערט ער אַ ברומען פון אַ חיה. הערט ווי צווייגן ברעכן זיך,ביימער שאָקלען זיך: — דער אוניקאָרן קומט אָן.

דערשמעקט די חיה דאָס פלייש, לויפט זי צו, טוט אַ ברום, און גיט מיט אימפּעט אַ האַק מיטן האָרן דעם „מענטשן", אַזוי, אַז דער שאַרפער שפּיץ פון האָרן בלייבט שטעקן אין בוים. דער אוניקאָרן טוט זיך אַ ריס צוריק, אָבער אַרויסנעמען דעם האָרן פון דעם בוים־שטאַם קען ער שוין מער ניט. קריכט שניידערל גאַנץ רואיק אַראָפּ פון בוים, נעמט דאָס יאַגד־מעסער און דערהרגעט די חיה.

די ריזן האָבן געוואַרט אויפן באַרג. זיי האָבן געוואַרט און געטראַכט: „פטור געוואָרן פון אַ צרה. אויס שניידערל!" אָבער פלוצים קומט ער אָן און זינגט זיך זיין לידל:

פערציק מיטאַמאָל,
פערציק מיט איין האַנט,
שניידערל איז דער העלד,
דער העלד פון גאַנצן לאַנד.
— און וואו איז דער אוניקאָרן? — פרעגן די ריזן.
— דערהרגעט, — ענטפערט שניידערל רואיק.

די ריזן גיבן זיך אונטער

גלויבן ניט די ריזן און לויפן אַליין אָנקוקן. זעען זיי, אַז עס איז אמת, דער אוניקאָרן איז טויט. דערשרעקן זיי זיך און פאַלן דעם שניידערל צו די פיס און בעטן זיך: — טו מיט אונדז, וואָס דו ווילסט, שניידערל, אָבער לאָז אונדז לעבן.

זאָגט שניידעריל: — איך האָב פיינט שלעכטס טאָן מענטשן. איך לאָז אייך פריי, אָבער גייט אַוועק ווייט פון מענטשלעכן ישוב, און לעבט ווי איר ווילט. שטערט קיינעם ניט. אָבער געדענקט, ווייט פון מענטשלעכען ישוב, ווייל איר זענט אַנדערש פון די איבעריקע מענטשן.

די ריזן האָבן גענומען די פיס אויף די פלייצעס און זיינען אַוועק ווייט, ווייט אין דער וועלט אַריין.

אַ גרוב מיט גאָלד

שניידערלס פאַרלאַנג

שניידערל האָט באַזיגט די ריזן און זיך אומגעקערט צוריק צום קעניגס הויף. דער מלך און זיינע מיניסטאָרן האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד. צוויי טויזנט סאָלדאַטן האָבן מאַרשירט מיט בלאַנקע שווערדן לכבוד דעם קלוגן שניידערל. אַ קאַפּעליע מוזיק האָט געשפּילט. גענעראַלן מיט גאָלדענע עפּאָלעטן און מיניסטאָרן, באַפּוצט מיט מעדאַלן, זיינען געשטאַנען אויסגעצויגן ווי שטעקענער און סאַלוטירט דעם שניידערל. דער קעניג אַליין האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— מעכטיקער און קלוגער שניידערל, מיין הויז איז אָפן פאַר דיר. דו מעגסט אויסקלייבן די שענסטע צימערן אין פּאַלאַץ און נעמען זיי נאָר פאַר זיך. פאַרבלייב מיט אונדז און מיר וועלן דיך טראָגן אויף די הענט.

שמייכלט שניידערל און טראַכט: — ס'פּאַסט מיר טאַקע דאָ אין פּאַלאַץ בלייבן און שטענדיק זיך מוזן רעכענען מיטן קאַפּריז פון אַ קעניג. היינט מאַכט ער מיר פּאַראַדן מיט קאַפּעליעס גאַנצע, און מאָרגן, אַז איך וועל אים ניט געפעלן ווערן — בין איך מיט אַ קאָפּ קירצער. כ'וועל בעסער זיין ביי מיר אין מיין קליין שטיבעלע און זיין זיכער כאָטש מיט מיין לעבן. — זאָגט ער צום קיניג אויפן קויל: — מיין האַר, מיין קעניג, לאָז מיך גיין צוריק צו מיין פרוי און קינדער, צוריק אַהיים. דאָרטן קען איך אַלעמען און אַלע קענען מיך. דאָרט ווייס איך אַלע מנהגים און אַלע פירונגען. דאָ בין איך אַ פרעמדער. איך ווייס דאָך ניט אַפילו ווי זיך אויפצופירן. איך האָב מורא זיך זעצן, טאָמער זיץ איך ניט ריכטיק. כ'האָב מורא צו שטיין,

טאָמער שטיי איך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. כ'ווייס ניט ווי צו האַלטן מיינע הענט. כ'האָב מורא צו עסן, אַז איך ווייס ניט אין וואָסער האַנט זאָל איך האַלטן דעם גאָפּל, און אין וואָסער האַנט — דאָס מעסער. און טאָמער טרעפט זיך אַמאָל, אַז איך דאַרף אַ הוסט טאָן, אָדער אַ ניס טאָן, דאַרף איך זיך בייסן מיין אונטערשטע ליפּ. אין שטעטל, ביי מיר אין הויז, קאָן איך שטיין, זיצן, עסן, הוסטן, ניסן ווי איך וויל און וואו איך וויל. ווילסטו מיך באַשטראָפן און האַלטן דאָ אין פּאַלאַץ צווישן פרעמדע ? באַשטראָפן דערפאַר וואָס איך האָב באַזיגט די ריזן ?

שניידערל האָט זיך צעוויינט, און טרערן, גרויסע ווי באָב, זיינען געררונען פון זיינע אויגן.

האָט דער קעניג געזאָגט :

— וויין ניט שניידערל, מיין באַליבטער, איך וועל דיין פאַר־לאַנג נאָכגעבן. איך וועל דיך אַוועקשיקן אַהיים צו דיין פרוי און קינדער, און איך וועל דיר אַפילו קויפן אַן אייגענעם פערד און וואָגן, אַבי וויין ניט. אָבער געדענק, אַז איך וועל דיך רופן, ווען איך וועל דיך דאַרפן, זאָלסטו גלייך קומען צו מיר.

טראַכט שניידערל ביי זיך :

— אַ ברירה וועל איך האָבן ? ער האָט דאָך די סאָלדאַטן און די שווערדן און די ביקסן.

זאָגט ער אויפן קול :

— אַוואַדע וועל איך קומען, מיין קעניג מיין האַר ! אַוואַדע וועל איך קומען !

האָט דער קעניג געהאַלטן וואָרט און אים אַוועקגעשיקט צוריק אין שטעטל אַריין.

שניידערל איז געוואָרן אַ באַלעגאָלע פאַר זיך — אַ באַלעגאָלע ווי אַלע חשובע באַלעגאָלעס — מיט אייגענעם פערד און וואָגן.

אַ וויינענדיקער פרעמדער

פאָרט שניידערל מיטן שליאַך און זינגט אַ לידל. ס'איז אים פריילעך אויפן האַרצן. די זון שיינט, דער הימל איז בלאָ, די פעלדער זיינען גרין, און היינט אין דער פרי האָט ער געכאַפּט אַ גוט פאַרדינסטל — אָפּגעפירט אַ פּאַסאַזשיר אין דער גרויסער שטאָט אַריין. פאָרט ער צוריק אַהיים אַ פריילע־כער און זינגט זיך אונטער. זינגט און טרייבט די פערדלעך. פון דער ווייטנס הייבן זיך אָן שוין ווייזן די שפּיצן פון די הייזער. לויפן די פערדלעך געשווינדער — באַלד וועלן זיי קומען אין שטאָט, וועט זיין האָבער און אַ קאַלטער טרונק וואַסער. טרייבט זיי נאָך אונטער שניידערל מיט די לויזע לייצעס — ער איז אויך הונגעריק.

לויפן די פערד מיטן שליאַך און זיי קומען צו צו דער גרוי־סער געמויערטער וואַנט, וואָס רינגלט אַרום דעם קאַרגן גבירס הויז. אין דעם הויז וואוינט דער באַוואוסטער גביר איגדאל. ער האָט ליב אַן אָרעמאַן ווי אויגן־ווייטיק. האָט ער אַרומגערינגלט דאָס הויז מיט אַ גרויסער געמויערטער וואַנט, וואָס שרייט אויס פאַר אַלעמען: „דאָ וואוינט דער באַוואוסטער גביר איגדאַל!" זעט שניידערל אַ מענטש זיצט באַם שליאַך לעבן דער געמויערטער וואַנט און וויינט.

שטעלט שניידערל אָפּ די פערד. קריכט אַראָפּ פון וואָגן, גייט צו צום מאַן און פרעגט אים:

— וואָס וויינט איר פרעמדער?

דערשרעקט זיך דער מענטש. ער האָט אַזוי שטאַרק געוויינט, אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט ווי שניידערל האָט זיך לעבן אים אָפּגעשטעלט. פון שרעק איז דער פרעמדער געבליבן אָן לשון.

קוקט אויף אים שניידערל און זאָגט:

— אַז אַ דערוואַקסענער מענטש וויינט, איז זיין האַרץ אָנ־געלאָדן מיט ווייטיק. דערציילט פרעמדער, וואָס דריקט אייך אויפן האַרצן?

— אַ דאַנק, ליבער מענטש, — ענטפערט דער פרעמדער, — אַ דאַנק פאַרן טרייסטן, אָבער איר וועט מיר ניט קאָנען העלפן.

איך האָב זיך באַנאַרישט. שטאַרק באַנאַרישט. און איר ווייסט דאָך, אַז אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער, קאָנען אים צען קלוגע ניט אַרויסציען.

— איר רעד גאָר ניט ווי קיין נאַר, פרעמדער, — זאָגט שניידערל, — און, אַז איר זייט ניט קיין נאַר, האָט איר דער שטיין ניט אַריינגעוואָרפן צו טיף. אַז איר וועט דערציילן וואָס עס האָט געטראָפן, קאָן אפשר אַ זייטיקער מענטש אייך געבן אַן עצה.

— קיינער קאָן מיר גאָרנישט ניט העלפן, — האָט געענטפערט דער פרעמדער, — קיינער ניט.

— זייט ניט אַזוי זיכער, — האָט שניידערל גערעדט רואיק, — זייט ניט אַזוי זיכער. איך האָב שוין אַ סך מאָל אַרויסגעהאָלפן מענטשן אין זייער נויט.

— ווער זייט איר ? — האָט דער פרעמדער געפרעגט.

— איך בין שניידערל, דאָס קלוגע שניידערל.

— איר זייט שניידערל ! — האָט דער פרעמדער אויסגערופן מיט פרייד, — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. נאַט אייך אָפּ שלום עליכם. נו, אַ שפּאַס. איך בין דאָך ריכטער צאָדוק, דער ריכטער וואָס האָט פאַרמשפּט דעם רויבער הארגים.

— איר זייט ריכטער צאָדוק, — האָט שניידערל געזאָגט, — איי, אַיי, הערסט ס'אַראַ צופאַל. נו, אויב איר זייט ריכטער צאָדוק זייט איר דאָך עפּעס אַ גרויסער מענטש, איז וואָס זיצט איר דאָ אויפן שליאַך און וויינט ?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב זיך באַנאַרישט.

— מילא מיר וועלן שוין זען, — האָט שניידערל געזאָגט — דערווייל פאָרט מיט מיר אַהיים, מיר וועלן עפּעס איבערבייסן צוזאַמען און זיך דורכשמועסן. אַיי וועט זיך מיין פרוי פרייען מיטן גאַסט ! קומט.

— גוט, האָט געענטפערט דער ריכטער.

אַ גרוב מיט גאָלד

פרעמד געלט

נאָכן אָנבייסן דערציילט דער ריכטער אַזאַ מעשה:

אַלע יאָר פאָר איך אויפן לייפציקער יאַריד. איך פאָר זיך זען מיט מענטשן און איינקויפן סחורה פאַר מיין זונס קראָם. די הוצאות זיינען אָבער זייער גרויס, קויף איך איין סחורה אויך פאַר אַנדערע קרעמער און אַלע אינאיינעם דעקן די הוצאות. אין שטאָט ווייסן אַלע, אַז איך פאָר יאָר איין, יאָר אויס, אויפן לייפציקער יאַריד. קומען צו מיר קרעמער און ברענגען געלט איך זאָל פאַר זיי איינקויפן וואָס זיי דאַרפן. אויך שיקן דורך מיר מענטשן געלט, וואָס זיי זיינען שולדיק אַנדערע סוחרים. אַזוי טרעפט, אַז פאַרן יאַריד האָב איך ביי זיך אַ גאַנץ היפשע סומע געלט.

היי־יאָר איז אויך אַזוי געווען. איך האָב ביי זיך געהאַט צוויי טויזנט רענדלעך. אַלע מאָל האָב איך מורא ביי זיך האַלטן געלט. אין דער היים באַהאַלט איך עס ערגעץ אין אַ לאָך, אָדער פאַרשטעק עס ערגעץ אויף אַ באַלקן. אין וועג קאָן איך זיך ניט העלפן, איך מוז פירן מיט זיך דאָס געלט. אָבער אַז איך שטעל זיך אָפ אין אַ שטאָט, באַהאַלט איך דאָס געלט ערגעץ, אַז אויב גנבים אָדער גזלנים באַפאַלן מיר זאָלן זיי גאָר ניט געפינען. איך בין מיט צוויי טעג צוריק געקומען צו אייך אין שטאָט און געדאַרפט דאָ בלייבן אויף אַ טאָג. טראַכט איך: מען דאַרף געפינען אַ פלאַץ וואו צו באַהאַלטן דאָס געלט. בין איך אַרויס אין פעלד און געזען די הויכע שטאַרקע געמויערטע וואַנט. האָב איך געטראַכט: ס'איז אַ גוטער פלאַץ צו באַהאַלטן דאָ די רענדלעך. איך האָב זיך אַרומגעקוקט: ווי ווייט מיין אויג קאָן כאַפן איז אין פעלד קיינער ניטאָ. דורך דער וואַנט קאָן דאָך קיינער ניט זען. האָב איך אויסגעגראָבן אַ גרוב און אַריינגעשאָטן אַהין מיינע רענדלעך. פאַרשאָטן די גרוב מיט זאַמד, אויסגעגלייכט די ערד, געמאַכט אַ סימן און אַוועק. איך קום אַ טאָג שפעטער, זוך דאָס געלט — ניטאָ. עמעצער האָט עס צוגענומען. ווי אַזוי? פאַרשטיי איך ניט, סיידן אַ מלאך האָט עס געטאָן.

טראַכט און טראַכט שניידערל און זאָגט:

— קאָנט איר מיר ווייזן, וואו איר האָט באַהאַלטן דאָס געלט ? קווענקלט זיך דער ריכטער.

זאָגט שניידערל : — וואָס קווענקלט איר זיך ? וואָס האָט איר מורא ? קיין געלט איז דאָך דאָרטן ניטאָ ?

— גערעכט, — ענטפערט דער ריכטער. — קומט ! איך וועל אייך ווייזן.

זיי זיינען אַרויסגעפאָרן הינטערן שטאָט און צוגעקומען צו אַ פעלד. פון דריי זייטן פריי פעלד, פון דער פערטער זייט די הויכע געמויערטע וואַנט, וואָס רינגלט אַרום איגדאַלס פּאַלאַץ.

דער ריכטער האָט אָנגעוויזן דעם פּלאַץ.

— אָט דאָ, לעבן דער וואַנט האָב איך אויסגעגראָבן דאָס גריבל. איך האָב זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און קיינעם ניט געזען, סיידן עמעצער זאָל קאָנען זען דורך אַ דיקער געמויערטער וואַנט.

— אין ניסים און מלאכים גלויב איך ניט, — האָט שניידערל געזאָגט. — אָבער טוט בעסער דאָ אַ קוק. — און שניידערל האָט אָנגעוויזן דער ריכטער אויף אַ גאַנץ היפשן שפּאַלט אין וואַנט.

דער ריכטער האָט צוגעלייגט זיין אויג צום שפּאַלט האָט ער געזען, וואָס עס טוט זיך אין הויף. האָט ער געזאָגט :

— אַז מען קען זען פון פעלד, וואָס עס טוט זיך אין הויף, קאָן מען אויך זען פון הויף וואָס עס טוט זיך אין פעלד. עמעצער איז געשטאַנען הינטער דעם וואַנט און געזען, ווי איך האָב באַהאַלטן דאָס געלט.

— איך רעכן, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען, — האָט שניידערל געזאָגט.

— אָבער דאָס געלט איז דאָך זיכער פאַרפאַלן, — האָט דער ריכטער געזאָגט. — ווי קאָן איך אויסגעפינען ווער עס האָט צוגענומען די באַהאַלטענע רענדלעך ?

— מירן פּרובירן, — האָט שניידערל געזאָגט.

— גוט, — האָט דער ריכטער געענטפערט.

ריכטער צאַדוק פרעגט אַן עצה

די ציגל וואַנט האָט אַרומגערינגלט אַ הויך רויט הויז. אין דעם געמויערטן הויז האָט געוואוינט איגדאַל. דער רייכער מאַן מיט דעם שטיינערנעם האַרץ. איגדאַל האָט עס געזען ווי דער ריכטער האָט באַהאַלטן דאָס געלט.

דער ריכטער איז געקומען צום רייכן מאַן און געזאָגט :

— גנעדיקער האַר, איך בין אַ פרעמדער אין שטאָט, איך קאָן קיינעם ניט און ווייס קיינעם ניט. כ'האָב זיך דאָ אין שטעטל אָפּגעשטעלט אויפן וועג צום לייפציקער יאַריד. איך האָב מיט זיך געהאַט צוויי טויזנט גאָלדענע רענדלעך. איך האָב מורא געהאַט האַלטן ביי זיך אַזוי פיל געלט, בין איך געגאַנגען און געפונען אַ זיכער פלאַץ : אויסגעגראָבן אַ גריבל און באַהאַלטן דאָרטן די רענדלעך. איצט האָט מען מיר צוגעשיקט נאָך פינף טויזנט רענדלעך. איך דאַרף דאָ בלייבן אין שטאָט נאָך דריי טעג. ווייס איך ניט וואָס זאָל איך טאָן. האַלטן מיט זיך דאָס געלט האָב איך מורא, — גזלנים קאָנען מיך נאָך באַפאַלן. געבן עמעצן האַלטן פאַר מיר, — קאָן איך דאָ קיינעם ניט. זאָל איך אפשר באַהאַלטן אין דעם זעלביקן גריבל, וואו איך האָב באַהאַלטן מיינע צוויי טויזנט רענדלעך ? איר זייט דאָך אַ רייכער מאַן און ווייסט, ווי צו האַלטן אַ רענדל, בין איך געקומען באַ אייך פרעגן אַן עצה.

מאַכט זיך איגדאַל ווי ער טראַכט און זאָגט זיס :

— אַ דאַנק, פרעמדער, פאַרן גרויסן כבוד און צוטרוי וואָס איר האָט צו מיר. איר זייט טאַקע געקומען צום ריכטיקן מענטשן פרעגן אַן עצה. איך האָב געלט און ווייס גוט ווי צו באַגיין זיך מיט געלט. מיין עצה איז, אַז איר זאָלט באַהאַלטן די נייע רענדלעך אין דעם זעלביקן פלאַץ, וואו איר האָט באַהאַלטן אייערע פריערדיקע רענדלעך — אין אַ גרוב אין דער ערד. דאָס איז די בעסטע זאַך וואָס איר קאָנט טאָן.

— פאַרוואָס איז עס די בעסטע זאַך ? — האָט געפרעגט דער ריכטער.

האָט איגדאַל געענטפערט:
— ווייל אויב איר וועט עס געבן באַהאַלטן צו דעם באַ־גלויבסטן מענטשן, קאָן אַמאָל טרעפן אַן אומגליק. ער קאָן שטאַרבן, גזלנים קאָנען אים באַפאַלן, אַ פייער קאָן נאָך פאַרברענען זיי וואוי־נונג. מאַלע וואָס עס קאָן פאַסירן. אָבער אַז איר וועט עס באַהאַלטן אין דער ערד, זייט איר זיכער מיט אייער געלט. די ערד קאָן ניט פאַרברענט ווערן, קיינער וועט עס ניט אַוועקרויבן און די ערד קאָן ניט שטאַרבן. מיין עצה איז: גייט צום זעלביקן פלאַץ און באַ־גראָבט דאָרטן די נייע פינף טויזנט רענדלעך.
— אַ דאַנק פאַר דער גוטער עצה — האָט דער ריכטער פע־ענטפערט, אַ דאַנק. איך וועל אייך טאַקע פאָלגן.

דאָס שפּיצל געלינגט

באַלד ווי דער ריכטער איז אַרויס פון הויז איז איגדאַל צו־געגאַנגען צו זיין קאַסע, אַרויסגענומען צוויי טויזנט רענד־לעך, אַריינגעטאָן אין אַ זעקעלע און זיך געלאָזן צו דעם באַהאַלטענעם גריבל. ער האָט גערעדט צו זיך:
— דאָס איז אַ מזל פון אַ מענטשן, געבראָטענע טייבעלעך פאַלן מיר אין מויל אַריין. אַזאַ נאַר! פרעגט ווי צו באַהאַלטן פריש געלט און זעט ניט פריער צו דאָס ערשטע געלט ליגט דאָרטן. דער־פאַר טאַקע זיינען זיי דאָך קבצנים.
איגדאַל איז צוגעקומען צום פאַרשאָטענעם גריבל, אויפ־געגראָבן די ערד און צוריק אַריינגעלייגט די צוויי טויזנט רענדלעך, וואָס ער האָט מיט אַ טאָג פריער אַרויסגענומען.
— דאָס נאַרעלע — טראַכט איגדאַל — וועט קומען און אַריינלייגן דאָרטן נאָך פינף טויזנט רענדלעך וועל איך האָבן זיבן טויזנט.
איגדאַל האָט פאַרשאָטן דאָס גריבל, אויסגעגלייכט די ערד — ווי קיינמאָל גאָר ניט געווען.

דער ריכטער זעגנט זיך

א שעה שפעטער איז דער ריכטער צוריקגעקומען מיטן שניי־דערל און אַרומגעקוקט דאָס פּלאַץ. — עס זעט טאַקע אויס ווי פריש אויפגעגראָבענע ערד, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

— לאָמיר אַ קוק טאָן, — האָט שניידערל געזאָגט — לאָמיר זען, צי דאָס שפּיצל איז געלונגען.

זיי האָבן אויפגעגראָבן דאָס זאַמד און געפונען די צוויי טויזנט גאָלדענע רענדלעך.

דער ריכטער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— וואָס איז ס׳געלעכטער, הער צאָדוק? — האָט שניידערל געפרעגט.

— דאָס געלעכטער איז, — האָט דער פרעמדער געענטפערט, — וואָס איך בין אַ ריכטער און איר זייט אַ פערד אָנטרייבער. ס׳האָט געדאַרפט זיין פאַרקערט. איר זייט קליגער פון מיר.

— אַ סך זאַכן זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, וואָס זיי דאַרפן זיין אַנדערש, — האָט שניידערל געענטפערט.

— יאָ, ס׳איז טאַקע אַן אמת, שניידערל, אָבער מיר ביידע קאָ־נען דאָך די וועלט ניט איבעראַנדערשן. דערוויל נעמט אָן פון מיר אַ באַלוינונג און אַ דאַנק. און איך בעט אייך, אַז איך וועל אייך דאַרפן און וועל אייך רופן זאָגט מיר ניט אָפּ. קומט און העלפט מיר מיט אייער קלוגן קאָפּ.

— ווען איר וועט מיך רופן וועל איך קומען, — האָט שניידערל געענטפערט. — ס׳איז מיר שוין טאַקע מיאוס געוואָרן דאָס שטעטל. ס׳ווילט זיך אַרויספאָרן אַביסל אויף דער גרויסער וועלט.

— ווייסט איר וואָס? — האָט דער ריכטער געזאָגט, — פאָרט מיט מיר קיין לייפּציק, דאָרטן איז דאָך עפּעס דער גרעסטער יאַריד פון דער וועלט. ס׳וועט זיין וואָס צו זען.

— כ׳לעבן, ס׳איז אַן איינפאַל, איך וועל טאַקע מיט אייך פאָרן.

אויף מאָרגן זיינען שניידערל און ריכטער צאָדוק אַוועקגע־פאָרן קיין לייפּציק אויפן יאַריד.

דער בלאָער דימענט

לייפציקער יאַריד

איין מאָל אין יאָר איז אין דער שטאָט לייפציק אַ יאַריד. צום יאַריד קומען סוחרים און פאַבריקאַנטן פון די שטעט און שטעטלעך אַרום. איין מאָל אין פינף יאָר איז אין לייפציק גאָר אַ גרויסער יאַריד און דערצו נאָך אַן אויסשטעלונג. צו דער אויסשטעלונג קומען סוחרים פון גאָר דער וועלט. זיי קומען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, עסטרייך, פוילן, ליטע. זיי קומען פון די סקאַנדינאַווישע לענדער. פון ביידע אַמעריקעס. פון אַלע לענדער ברענגט מען מוסטערן פון סחורה און מאַשינען. סוחרים פאַקן אָן פולע קראָמען מיט זאַכן צום פאַרקויפן, פאַבריקאַנטן שטעלן אויף גרויסע געביידעס און שטעלן אַרויס מוסטערן פון זייערע סחורות, קונים קומען פון גאָר דער וועלט. מען האַוועט, מען שמייעט, יעדער איינער מיינט ער וועט פאַרשפעטיקן.

עס קומען גרויסע סוחרים און גרויסע פאַבריקאַנטן אויפן לייפציקער יאַריד. עס קומען אָבער אויך גנבים און שווינדלער. אַזויפיל מענטשן, אַזאַ רייכטום און אַזאַ טומל — אַ גוט אָרט פאַר האַנדל און אויך פאַר שווינדל.

אויף אַן אכסניה

דאָס קלוגע שניידערל און ריכטער צאָדוק זיינען אָנגעקומען קיין לייפציק. ריכטער צאָדוק האָט געהייסן שניידערל פאַרפאָרן אויף דער אכסניה מיטן נאָמען "אייראָפע". ס'איז געווען גאָר, גאָר אַ געהויבענע אכסניה, ריכטער צאָדוק פלעגט דאָרטן שטענדיק איינשטיין.

אין דער צייט פון יאַריד פלעגן די טויערן פון דער אכסניה שטיין אָפן. מענטשן פלעגן אַריינפאָרן און אַרויספאָרן. דער הויף איז געווען פול מיט פורן, באַלעגאָלעס, סחורה און פערד. דאָס מאָל האָט ריכטער צאַדוק געזען אַז די טויערן זיינען פאַרשלאָסן און צווי באַוואָפנטע וועכטער היטן דעם אַריינגאַנג. וואונדערט זיך דער ריכטער צאַדוק און פרעגט:

— ליבע מענטשן, זאָגט מיר, וואָס איז דאָ געשען?

ענטפערן די וועכטער:

— געשען איז דאָ גאָרניט. מיר שטייען און גיבן אַכטונג אַז קיין זאַך זאָל ניט געשען.

— איך פאַרשטיי ניט אייערע רייד, — האָט געזאָגט ריכטער צאַדוק. — אָבער זאָגט מיר נאָר, לאָזט מען אַריין געסט אין אכסניה?

— אַוואַדע לאָזט מען אַריין געסט, —האָבן די וועכטער געזאָגט, — די געסט אָבער דאַרפן אָפּהיטן געוויסע כללים.

— וואָס זיינען עס פאַר אַ כללים?

— זיי טאָרן ניט פאַרלאָזן דאָס הויז אָן דער דערלויבעניש פון סוחר קאַסעלי. די טויערן ווערן צוגעמאַכט נאָך זון פאַרגאַנג און קיינער קאָן ניט אַריין און קיינער קאָן ניט אַרויס ביז מאָרגן פרי, ווען דער סוחר קאסעלי שטייט אויף און גיט די דערלויבעניש.

— און ווער איז דער סוחר קאסעלי? — פרעגט ריכטער צאָדוק.

— אַ סוחר פון אינדיע. ער האָט מיט זיך דעם גרעסטן און טייערסטן דימענט אין דער וועלט, דער דימענט איז ווערט מיליאָנען, און ער האָט מורא מען זאָל ביי אים ניט צוגנבענען דעם דימענט.

זאָגט ריכטער צאָדוק: — אויב אַזוי, וואָלט דאָך געווען בעסער, ווען ער וואָלט קיינעם וועגן דעם ניט דערציילט:

— ווער ביסטו, פרעמדער? — האָבן די וועכטער געפרעגט, — וואָס ווילסטו דאָ? עפּעס צופיל פראַגעס פרעגסטו.

— איך בין ריכטער צאַדוק און איך שטיי־איין דאָ אַלע יאָר, וויל איך היי־יאָר אויך אַהער פאַרפאָרן.

— גוט, האָבן געזאָגט די וועכטער, מירן גיין אָנפרעגן דעם באַלעבאָס.

די וועכטער זיינען אַוועק צום באַלעבאָס. שניידערל און ריכ־טער צאָדוק זיינען געבליבן וואַרטן אין דרויסן.

— זאָגט שניידערל:

— הער ריכטער, צוליב וואָס קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אין אַ קראַנקן בעט? לאָמיר גיין אויף אַנאַנדער אכסניה.

— ניין שניידערל, זאָגט ריכטער צאָדוק. יאָר איין, יאָר אויס, זינט די לעצטע צען יאָר, שטיי איך דאָ איין. מיר געפעלן די צי־מערן און די באַדינער. צו וואָס זאָל איך אַוועק ערגעץ אַנדערש, צוליב אַ משוגענעם גאַסט? אַ גאַנצן טאָג וועל איך דאָך זיין אויפן מאַרק, אין אָוונט, וויל איך האָבן אַ באַקוועם פּלאַץ.

— אפשר זענט איר גערעכט, האָט געענטפערט שניידערל — אָבער איך האָב ניט ליב קיין באַוואָפנטע מענטשן.

ווי זיי ריידן אַזוי, קומט אַרויס דער באַלעבאָס פון אכסניה, שטעקט אָפּ ריכטער צאָדוק אַ ברייטן שלום עליכם, ווי גאָר אַן אַלטן באַקאַנטן, און נעמט אים אַריין אין אכסניה.

שניידערל האָט אַריינגעפירט פערד און וואָגן אין שטאַל, און געבליבן נעכטיקן מיט די באַדינער.

זיבן אורחים — איינער אַ געלער

זיבן אורחים זיינען איינגעשטאַנען אין אכסניה. — אַלע אַזעל־כע בכבודיקע, שטילע מענטשן. איינער פון די זיבן האָט זיך זייער שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן. אַן אָנצוג האָט ער געטראָגן אַ ווייסן מיט בלאָע שטרייפן. שיך געלע, אַ זשילעט אַ ווייסע. אויף די פינגער — גרויסע שווערע רינגען מיט דימענטן. אַ גאָלדענער זייגער מיט אַ גרויסער גאָלדענער קייט איז געהאָנגען פון זיין אויבערשטער קעשענע. אָבער אַמייסטן האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זיין קאָפּ מיטן פּליך — אַ גלאַנציקער שאַרבן, אַ שפּיציקער. קיין ברעקל האָר ניט, נאָר לעבן קאַרק אַ טשופּרינע העל געלע האָר.

אַ מ אָ ר ד

די נאַכט איז אַריבער רואיק. די אָנשמייסער און באַדינער זיינען געשלאָפן אין הויף אין אַ ספּעציעל הויז, וועכטער האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז און געהיט קיינער זאָל פון דאָרטן ניט אַרויס. אין אכסניה איז געווען שטיל. אַלע צימערן פינצטער, נאָר אַ קליין נאַכט לעמפּל האָט געברענט אין לאַנגן קאָרידאָר. דאָס טויער פון הויף איז געווען פאַרשלאָסן. די וועכטער האָבן געשפּרייזט אַרום און אַרום דער אכסניה, אַרום און אַרום די באַדינערס וואוינונג, אַרום און אַרום דעם צאַם. קיינער איז דורך דער נאַכט ניט אַריין אין הויף און קיינער איז ניט אַרויס.

פרימאָרגן. די גאַס האָט אויפגעלעבט. רעדער האָבן גע־קלאַפּט אויפן ברוק, פערדישע פּיס האָבן אָפּגעהילכט אין דער לופט, מענטשלעכע שטימען האָבן זיך געגומען הערן. די זון שטייט שוין הויך. דער טויער איז נאָך אַלץ פאַרשלאָסן, די טיר פון דעם הויז פון די באַדינער נאָך אַלץ פאַרשפּאַרט, און די אכסניה צוגע־מאַכט. דער סוחר קאַסעלי איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען און קיינער קאָן ניט פאַרלאָזן זיין פּלאַץ.

אַ שעה איז אַריבער, נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה. די אורחים זיינען געוואָרן אומרואיק, גענומען קלאַפּן אין די טירן. דער סוחר קאַסעלי איז אַלץ ניט אויפגעשטאַנען. רופט זיך אָן דער באַלעבאָס: „לאָמיר זען פאַר וואָס שלאָפט קאָסעלי אַזוי שפּעט". אַ באַדינער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר גענומען קלאַפּן — ניטאָ קיין ענטפער. געקלאַפּט העכער — ניטאָ קיין ענטפער. האָט דער באַלעבאָס פאַר־שטאַנען, אַז עס איז עפּעס ניט גלאַט, ער האָט גערופן פּאָליציי. פּאָ־ליציי איז געקומען און אויפגעבראָכן די טיר. דעם סוחר קאָסעלי האָט מען געפונען טויט.

דאָס צימער איז געווען אין גרויס אומאָרדענונג, אַלץ איבער־געקערט, איבערגעוואָרפן. קיין זאַך האָט ניט געפעלט, נאָר אַ גאָלדן שאַכטעלע איז געשטאַנען אָפן, אין דעם גאָלדן שאַכטעלע

פלעגט דער סוחר קאַסעלי האַלטן דעם בלאָען דימענט. דאָס שאַכטל איז געווען ליידיק.

די פּאָליציי האָט צוזאַמענגענומען די באַדינער, די געסט, דעם באַלעבאָס און די וועכטער אין אַ גרויסן צימער און גענומען אַלעמען אויספרעגן. מען האָט גאָרניט געקאָנט דערגיין. די וועכ־טער האָבן עדות געזאָגט, אַז די באַדינער האָבן ניט פאַרלאָזן זייער נאַכט לאַגער אַ גאַנצע נאַכט. אין אכסניה איז געווען שטיל, מען האָט קיין זאַך ניט געהערט.

האָט דער הויפּט פון דער פּאָליציי געזאָגט:

— ס'איז דאָך זיכער, אַז דער מערדער־רויבער געפינט זיך דאָ צווישן די געסט. קיין אַנדערער איז ניט געווען אין אכסניה. ס'איז אויך זיכער, אַז דער מערדער האָט ניט געקאָנט אַרויסגיין און באַ־האַלטן דעם דימענט. געפינט זיך דער דימענט איז הויז, דאַרף מען זוכן.

האָט מען גענומען באַזוכן יעדן איינעם. מען האָט איטלעכן באַזונדער אויסגעטאָן אדם נאַקעט. ביי קיינעם האָט מען דעם די־מענט ניט געפונען. האָט מען אָנגעהויבן זוכן אין הויז. מען האָט איבערגעקערט אַלץ קאַפּויר. מען האָט אויפגעריסן די דילן, מען האָט געקלאַפּט אין די ווענט — געזוכט אַן אויסגעהוילטן פּלאַץ. מען האָט אַראָפּגעריסן די טאַפּעטן פון די ווענט, מען האָט אויסגע־נישטער וואו נאָר אַ שפּעלטעלע, וואו נאָר אַ שפּאַרונע — דעם די־מענט האָט מען ניט געפונען.

מען פאָרשט

שטייט דער הויפּט פון פּאָליציי און טראַכט און טראַכט און קאָן זיך צו קיין זאַך ניט דערטראַכטן. עפּעס אַ גרויסער גנב אין באַגאַנגען דעם מאָרד. אַ גנב מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. פאַרפאַלן, מען מוז ווייטער פאָרשן. און אַלע געסט מוז מען אַרעסטירן.

געזאָגט און געטאָן. ער האָט אַרעסטירט אַלע סוחרים און זיי געהאַלטן אין געפענקעניש.

זיצן די סוחרים אין געפענקעניש אַ וואָך, צוויי, דריי, אַ חודש. דער יאַריד איז פאַרביי. אַלע זיינען זיך צעפאָרן און די פּאָליציי פאָרשט: שיקט בריוו אין אַלע עקן וועלט, פרעגט זיך נאָך וועגן די געסט, אָבער דאָס קאָן ניט געטאָן ווערן, ניט אין איין טאָג, אָדער וואָך אָדער אַפילו ניט איין חודש צייט. צוויי סוחרים קומען פון אַמעריקע, איין סוחר פון אינדע. אַזאַ אויספאָרשונג געדויערט. זיצן דערווייל די סוחרים פאַרשפאַרט אין געפענקעניש.

ריכטער צאָדוק ווערט אומרואיק. שוין לאַנג געדאַרפט זיין אין דער היים. רופט ער שניידערל צו זיך און זאָגט אים:

— נו שניידערל ביסט דאָך עפּעס אַ קלוגער, פאַרוואָס טראַכסטו ניט צו קיין מיטל צו געפינען דעם רויבער־מערדער?

— איך האָב געטראַכט, — ריכטער צאָדוק, — איך האָב גע־טראַכט. איך האָב שוין אַזויפיל געטראַכט, אַז דער קאָפּ איז ביי מיר אַזש ווייך געוואָרן פון טראַכטן. דערווייל האָב איך זיך צו קיין זאַך ניט דערטראַכט. אָבער מיר דוכט זיך, אַז איך בין שוין אויף אַ וועג.

— הלוואי, דערווייל אָבער איז טרויעריק. איך האָב מיט זיך פרעמד געלט. די מענטשן וועלן איבערטראַכטן ווער ווייס וואָס. כ׳האָב שוין לאַנג געדאַרפט זיין אין דער היים, און איך זיץ דאָ פאַרשפאַרט ווי אַ פּראָסטער גנב.

— נו, איך וועל צו אייך קומען אין אַ צוויי טעג אַרום.

שניידערל האָט אַ מיטל

צוויי טעג שפּעטער קומט שניידערל צום ריכטער צאָדוק און זאָגט: — רופט צונויף די ריכטער און דעם מעיאָר פון שטאָט. איך האָב צוגעטראַכט אַ שפּיצל און איך רעכן, אַז איך קאָן אויסגעפינען ווער דער מערדער איז.

— ביסט זיכער, שניידערל?

— זיכער איז מען נאָר מיט איין זאַך: מיטן טויט, — ענט־פערט שניידערל.

—אַז דו ביסט ניט זיכער, ווי אַזוי ווילסטו אײַנשטעלן און רופן די ריכטער און דעם מעיאָר פון שטאָט ?

—אַז מען שטעלט ניט אײַן האָט מען ניט, ענטפערט שנײַדערל. רופט צונויף די ריכטער און דעם מעיאָר און זאָגט זיי, אַז איך וועל אויסגעפינען ווער דער מערדער איז.

— גוט שנײַדערל, איך וועל זיי צוזאַמענרופן.

א י ן ג ע ר י כ ט

עס זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען אין געריכט פיר ריכטער און דער הויפּט ריכטער און דער מעיאָר פון שטאָט. עס זײַנען אויך געקומען דער הויפּט פון דער פּאָליציי און אַ גרויסער עולם. מען האָט אַרײַנגעפירט די זיבן אַרעסטאַנטן און דער הויפּט ריכטער האָט געזאָגט : — דאָ שטייט פאַר אונדז שנײַדערל, אַ פערד־אָנטרײַבער, אַ געוועזענער שנײַדער. מען האָט אָבער אונדז געזאָגט, אַז ער איז אײנער פון די קליגסטע אין אונדזער לאַנד. ער האָט איבערגעשפּיצט דעם באַוואוסטן רויבער הרגים. ער האָט פאַרנאַרט אַ באַנדע רויבער ; אַ באַנדע פון צוויי הונדערט מענער האָט ער אַליין באַזיגט. ער האָט פאַרטריבן מיט זײַן חכמה די ריזן פון קעניג שאָטאָנס מדינה. אָט דאָס קלוגע שנײַדערל זאָגט, אַז ער האָט אַ פאַרכישופטן האָן, וואָס דורך אים קאָן ער אויסגעפינען ווער דער מערדער איז. דערקלער, שנײַדערל, דײַן מיטל פאַרן געריכט.

האָט שנײַדערל געענטפערט און געזאָגט :

— דאָ האָב איך אַ שוואַרצן האָן. דער האָן איז פאַרכישופט. דער האָן געפינט זיך אין אַ שוואַרצן קעסטל. איך וועל צודעקן דאָס שוואַרצע קעסטל מיט אַ שוואַרצן טוך. מיר וועלן צומאַכן די פענצטער. יעדער אײנער פון די זיבן סוחרים וועט צוגיין צו דעם קעסטל אונטערלייגן זײַן רעכטע האַנט אונטערן טוך און אַ גלעט טאָן דעם האָן, ווען דער מערדער וועט אָנרירן דעם האָן וועט דער האָן אָנהויבן קרייען.

צעלאַכט זיך דער מעיאָר פון שטאָט און זאָגט :

— באָבע־מעשות, שניידערל! ס'איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי כישוף אויף דער וועלט. שווינדלער האָבן עס אויסגעטראַכט און נאַראָנים גלויבן. ס'איז אַ נאַרישקייט, ניט כדאי געווען די גאַנצע געשיכטע.

רופט זיך אָן ריכטער צאַדוק און זאָגט:

— הער מעיאָר, שניידערל איז זייער קלוג, איך קאָן אים גוט. ער וועט זיך גלאַט אין דער וועלט ניט נאַריש מאַכן. איך בין דער ריכטער, וואָס האָט פאַרמשפט דעם רויבער הערגים. שניידערל האָט באַזיגט אַ רויבער, וואָס די פּאָליציי האָט זיך געיאָגט נאָך אים יאָרן לאַנג. אַז שניידערל נעמט זיך אונטער עפּעס רעכנט ער גוט אויס יעדע קלייניקייט. ער וועט אונדז צום נאַר ניט מאַכן.

— נו, ווילבאַלד אַזוי, לאָמיר פּרובירן, — האָט געזאָגט דער מעיאָר. — וואָס קאָנען מיר אָנווערן? אָבער אויב שניידערל וועט אונדז אָפּנאַרן וועלן מיר אים אַריינצייילן שיינע עטלעכע שמיץ, טאַקע פּאַר אַלעמען אין די אויגן, גלייך אין מיטן מאַרק. זאָלן אַלע זען, אַז מען קאָן דעם געריכט ניט מאַכן צו שפּאָט.

שניידערל האָט צוגעדעקט דאָס שוואַרצע קעסטעלע מיט אַ שוואַרצן טוך, האָט פאַרהאַנגען אַלע פענצטער מיט שוואַרצע פאַר־האַנגען. ס'איז געוואָרן פינצטער אין צימער. פּאָליציי האָט דורכ־געפירט די פאַרדעכטיקטע סוחרים פאַרביי דאָס קעסטעלע און יעדער סוחר האָט אַ גלעט געטאָן דעם האָן.

ס'איז געווען שטיל אין צימער. יעדער איינער האָט איינגע־האַלטן דעם אָטעם. מען האָט געקענט הערן דאָס קלאַפּן פון אַ זייגער, וואָס איז געהאַנגען אין אַ דריטן צימער. אַלע האָבן גע־וואַרט — אָט באַלד וועט זיך דערהערן דער שאַרפער קריי פון האָן.

דער האָן האָט אָבער ניט געקרייעט.

מען האָט אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען די שוואַרצע פאָרהאַנגען פון די פענצטער. דער האָן איז געשטאַנען רואיק. ווען מען האָט אַראָפּגענומען דעם לעצטן פאָרהאַנג און ס'איז געוואָרן ליכטיק אין צימער, האָט זיך דער האָט צעקרייט מיט באַנומענע קולות...

ס'איז געוואָרן אַ געלעכטער אין געריכט זאַל, און דער מעיאָר האָט געזאָגט:

— אונדזער קלוג שניידערל איז געבליבן מיט אַ נאָז און וועט כאַפּן שמיץ.

אָבער דאָס קלוגע שניידערל האָט זיך ניט פאַרלאָרן, ער האָט שטרענג באַפוילן:

— איר זיבן סוחרים, וואָס איר זייט פאַרדעכטיקט אין מאָרד, הויבט אויף אייערע הענט!

זיי האָבן געפאָלגט. די מענטשן אין געריכט זיינען געוואָרן דערשטוינט — זעקס הענט זיינען געווען שוואַרץ באַפלעקט פון סאַזשע. די זיבעטע האַנט פון דעם סוחר מיט די רויטע האָר איז געווען ווייס, אַ ריינע האַנט.

— אָט דער מיט די רויטע האָר און מיט דער ריינער האַנט איז דער מערדער — האָט שניידערל רואיק געזאָגט — ער האָט מורא געהאַט, אַז דער האָן זאָל זיך ניט צעקרייען, ווען ער וועט אים אַ גלעט טאָן.

— בראַוואָ, שניידערל, האָט געזאָגט דער מעיאָר. בראַוואָ, אַ קלוגער איינפאַל, ביסט טאַקע קלוג, שניידערל, זייער קלוג.

דער רויטער סוחר איז געוואָרן נאָך רויטער. זיין גאַנץ פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט שווייס. ער האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן און האָט געזאָגט:

— מיינע הערן, ס'איז דאָך ניט מער ווי אַ נאַרישקייט מיט'ן פאַרכישופטן האָן. ס'איז געווען פינצטער אין צימער האָב איך ניט געזען דעם האָן, האָב איך אַ גלעט געטאָן דאָס טיכל אָדער דאָס קעסטל. אַדרבא, אויב איך האָט דערהרגעט דעם סוחר, האָב איך דאָך אַוועקגערויבט דעם דימענט, טו וואו האָב איך אים אַהינגעטאָן? האָב איך אים אויפגעגעסן?

— גערעכט, האָט אַ ריכטער געזאָגט, גערעכט, מען קען אַ מענטשן ניט פאַראורטיילן מיט אַזאַ שפּיצל. דאָס געזעץ זאָגט אַז מען דאַרף האָבן עדות אָדער באַווייזן איידער צו פאַראורטיילן. וואו זיינען די באַווייזן אַנטקעגן דעם פרעמדן?

שניידערל האָט זיך גוט צוגעקוקט צום רויטן סוחרס פּנים. ער האָט געזען, אַז דער סוחר שוויצט, זיין גאַנץ פּנים און זיין קאַרק איז נאַס, אָבער דער פּליך אויפן קאָפּ איז טרוקן און גלאַנציק.

דאָס געשפּרעך צווישן די ריכטער איז אָנגעגאַנגען און שניי־דערל איז שטיל צוגעגאַנגען צום פליכעוואַטן מענטשן, האָט אָנגע־נומען די טשופּרינע רויטע האָר ביים קאַרק און אַ שלעפּ געטאָן מיט זיין גאַנצן קראַפט.

דער פּאַרוק איז געבליבן באַם שניידערל אין האַנט און אַ קאָפּ פייער־רויטע האָר האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן. דער דימענט איז אַראָפּגעפאַלן און זיך אַוועקגעקייקלט אונטערן טיש.

דאָס רויטע מענטשל איז געוואָרן בלייך און איז געפאַלן אין חלשות.

— נעמט אים צו דעם מערדער און שמידט אים אין קייטן. און איר זעקס אומשולדיקע מענטשן זייט פריי, — האָט געזאָגט דער מעיאָר. — און דיר, שניידערל, זאָג איך אַ דאַנק פאַר דיין חכמה. די שטאָט וועט דיך באַלוינען.

שניידערל האָט געשמייכלט:

— ס'איז גאָר ניט געווען אַזאַ גרויסע חכמה אויסצוגעפינען אַז ער טראָגט אַ פּאַרוק. אמת, ער האָט מיך אויך אָפּגענאַרט ביז איצט, אָבער אַז איך האָב דערזען, ווי דאָס מענטשל איז באַדעקט מיט אַ שווייס — זיין גאַנצן פּנים און קאַרק פּיטש נאַס, נאָר זיין שאַרבן איז טרוקן־גלאַנציק, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער טראָגט אַ פּאַרוק, און ער האָט באַהאַלטן דעם דימענט אין זיינע אייגענע האָר, אונטערן פּאַרוק. פאַרשטייט מיך, איך ווייס אַז אַ ליסענע שוויצט אויך. זעט! — און שניידערל האָט אַראָפּגענומען זיין יאַר־מעלקע — מען האָט דערזען, אַז זיין קאָפּ איז גלאַט ווי אַ טעלער.

אַלע האָבן געלאַכט. דער הויפּט ריכטער האָט געזאָגט:

— דו ביסט קלוג, שניידערל, דו ביסט אַזוי קלוג, אַז דו קאָנסט אפילו שפּאַסן פון זיך אַליין. מיר האָבן זייער ווייניק מענטשן ווי דו ביי אונדז. אָט האָב איך אַ שווערן משפּט צו פּסקענען. אפשר וועסטו זיין אין געריכט און מיר אַרויסהעלפן?

— הער ריכטער, — האָט שניידערל געענטפערט, — איך דאַנק אייך פאַרן כבוד וואָס איר גיט מיר, אָבער איך דאַרף פאָרן אַהיים מיט ריכטער צאָדוק.

— איך וועל צוליב דיר אָנהויבן דעם פּראָצעס מאָרגן פרי, ווּעסטו קומען אין געריכט ?
— יאָ מיין הער — האָט שניידערל געזאָגט.
— אַ דאַנק, אַ דאַנק, — האָט געענטפערט דער הויפּט ריכ־טער — מאָרגן זעען מיר זיך אין געריכט.
— מאָרגן, מאָרגן, — האָט געענטפערט שניידערל, — דער־ווייל אַ גוטן טאָג.
— אַ גוטן טאָג.

בוימל אויף וואַסער

דאָס געריכט הויז

אין מיטן פון דער שטאָט לייפציק שטייט אַ ווייס־געפאַרבטע געביידע. די געביידע איז אַרומגערינגלט מיט זיילן. לעבן יעדן זייל שטייט אַ הויכער אויסגעצויגענער הוזאַר מיט אַ לאַנגער פיקע. לעבן דער גרויסער גלעזערנער טיר, וועלכע איז אָפן צום מאַרק, שטייען נאָך צוויי הוזאַרן מיט פיקעס. איבערן הויז איז אַ שילד מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן: — „דאָס געריכט־הויז".

אַ גאַנצן פירמאָרגן ציִען זיך צום געריכט פאַיעטאָנען מיט איינגעשפאַנטע דריי פערד. אין יעדן פאַיעטאָן זיצט אַן עלטערער מאַן אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער פעלעריִנע און אַ הויכן גלאַנציקן צילינדער, — אַ ריכטער. דער ריכטער גייט אַרויס געמיטלעך פון פאַיעטאָן. די הוזאַרן סאַלוטירן.

צוועלף פאַיעטאָנען מיט צוועלף ריכטער זיינען צוגעפאָרן צום געריכט, אין דרייצנטן פאַיעטאָן איז געזעסן אונדזער דאַרינקער, קליינינקער, שמייכלענדיקער שניידערל. דער פאַיעטאָן האָט זיך אָפגעשטעלט און די הוזאַרן האָבן סאַלוטירט.

קריכט אַרויס שניידערל פון עקיפאַזש, קוקט אויף די סאַלוטירנדיקע הוזאַרן און שמייכלט צו זיך:

— נו, אַ פאַראַד! גרויסע דערוואַקסענע מענטשן און האָבן זיך ליב צו שפילן! אַזעלכע הויכע יונגען טוען אָן קאָלירטע הויזן מיט גלאַנציקע מונדירן. זיי קוקן אויס ווי הילצערנע סאָלדאַטלעך.

די הוזאַרן אָבער שטייען שטייף, אויסגעצויגן. זיי זיינען זייער ערנסט. עפעס אַ קלייניקייט — עס גייט שניידערל, דאָס קלוגע שניידערל, וואָס דאָס לייפציקער געריכט האָט אים איינגעלאַדן פאַר אַן ערן־ריכטער.

שניידערל גייט אַרײַן אין גערעכט. אין מיטן זאַל שטייט אַ לאַנגער טיש צוגעדעקט מיט אַ רויט־סאַמעטענער דעק. צוועלף ריכטער זיצן אַרום טיש. אויף די קעפּ אָנגעפּודערטע פּאַרוקן, אויף די אַקסלען כאַלאַטן. זיי זיצן ערנסט, אָנגעצויגן.

ווען שניידערל איז אַרײַנגעקומען, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט, פאַנאַנדערגערוקט די שטולן און געמאַכט פּלאַץ פאַרן קלוגן שניידערל.

זיצט שניידערל אין הויכן, ווייכן, טיפן ריכטער־שטול און נאָר זײַן קעפּל זעט זיך איבערן טיש. ער נעמט אַראָפּ געלאַסן זײַן היטל און טוט אָן אַ יאַרמעלקע. אויף זײַן גלאַנציקן פּליך האָט די יאַרמעלקע דעם זיבעטן חן. וואַרט שניידערל צו זען וואָס עס וועט דאָ זײַן.

טוט דער הויפּט ריכטער אַ ברום :
— ברענגט דעם באַשולדיקטן !

האַנס שמיד און הערשל ליוויי

שטיל. אין אַ ווײַלע אַרום הערט זיך אַ קלונג פון קייטן. זעקס סאָלדאַטן פירן אַרײַן דעם באַשולדיקטן.

שטייט דער אָרעמער אַרעסטאַנט אַ פינצטערער, אַן אומעטיקער. אַ האַלבער קאָפּ און באָרד אָפּגעגאָלט, די צווייטע העלפט ווילד באַוואָקסן. קייטן אויף די הענט, קייטן אויף די פיס און אין די אויגן טרערן.

טוט ווייטער אַ באַפעל דער הויפּט ריכטער :
— ברענגט אַהער די באַווייזן אַנטקעגן דעם אָנגעקלאָגטן !

עס קומט אַרײַן אַ באַדינער און ברענגט אַ זעקעלע מיט געלט. ער לייגט עס אַוועק אויפן טיש פאַר די ריכטער.

טוט ווייטער אַ באַפעל דער הויפּט ריכטער :
— האַנס שמיד ! איר קלאָגט אָן דעם יידן הערשל ליוויי אין גנבה, דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט.

שטעלט זיך אויף אַ מענטשל מיט לאַנגע פאַרדרייטע וואָנצעס און גרויע בייזע אויגן און פרעגט :

— זאָל איך דערציילן אין גאַנצן פון אָנהייב אָן ?
— דערציילט אין גאַנצן, פון אָנהייב אָן, — זאָגט דער הויפּט ריכטער, — דאָ זיצט מיט אונדז דאָס קלוגע שניידערל, דער קליגס־טער מענטש אין אונדזער מדינה. ער ווייס נאָך ניט, וואָס עס האָט פּאַסירט ביי אייך. דערצייל !

האַנס שמיד דערציילט

איך בין האַנס שמיד. כ'האַנדל מיט אויל. ביי מיר אין קראָם געפינען זיך אַלערליי בוימלען. איך האָב איילבירט אויל צו טרינקען, זייער גוט פאַר שוואַכע מענטשן. איך האָב פיש־אויל, זייער געזונט פאַר קינדער און איך האָב לימענע־אויל און טערפּעטין־אויל אויף צו פאַרבן. איך האָב אויך ניט ראַפינירטן אויל צו שמירן רעדער און מאַשינען.

מיין קראָם געפינט זיך לעבן דער קראָם פון דעם יידן הערשל ליוויי וועלכע האנדלט מיט שניט־סחורה. איך בין אַ פאַרנומענער מענטש. גאַנץ לייפּציק קאָן מיין קראָם. יעדער איינער אין שטאָט ווייסט, אַז ביי מיר קאָן מען קריגן די זעלטנסטע אוילן. שטיי איך אַ גאַנצן טאָג אין געשעפט און לייז געלט. לייז געלט און וואַרף עס אין אַ טאָפּ. ביי נאַכט צייל איך איבער דאָס געלט און לייג עס אַריין אין אַן אַנדער טאָפּ. אויפן טאָפּ מיט געלט שטעל איך אַוועק נאָך אַ טאָפּ פול מיט בוימל. איך רעכן אַזוי: וועט אַ גנב קומען, וועט ער דאָך באַלד זוכן געלט אין טיש־קעסל — דאָס אָרט וואו אַלע האַלטן זייער געלט, לאָז איך איבער אַ פּאָר מטבעות אין טיש־קעסטל. דאָס גרויסע געלט לייג איך אין אַ טאָפּ. קיין משו־גענעם אַפילו וועט ניט איינפאַלן צו זוכן געלט אין טעפּ מיט אויל. אַזוי פיר איך זיך שוין יאָרן לאַנג, און איך שלאָף רואיק.

היינטיקער יאַריד איז געוועזן זייער אַ גוטער. איך האָב גע־לייזט אַ סך געלט. עס האָט זיך צונויפגעקליבן ביי מיר אַ גאַנץ היפּשע סומע. די לעצטע נאַכט פון יאַריד פאַרשפּאַר איך מיר מיין קראָם פון אינעווייניק און צייל מיר מיין געלט. איך צייל איבער און זע — איך האָב אַ גאַנץ היפּשע סומע — פיר הונדערט און

צוואַנציק רענדלעך, הונדערט און דריי און אַכציק זילבערנע טאָלער און פינף און דרייסיק קופּערנע פּעניגס. לייג איך עס אַריין, ווי מיין שטייגער איז, אין טאָפּ. אויף דעם טאָפּ מיט געלט שטעל איך אַ טאָפּ מיט בוימל, לעש אויס דעם לאָמפּ, פאַרשליס די קראָם, גיי אַוועק און לייג זיך שלאָפן. איך שלאָף רואיק. יאָרן און יאָרן האָט מיין איינפאַל געגאָלטן, איז וואָס האָב איך מורא?

אָבער אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. איך קום אויף מאָרגן אין קראָם, און די ערשטע זאַך, פאַרשטייט זיך, כאַפּ איך אַ קוק אין טאָפּ. ווערט מיר פינצטער אין די אויגן — ניטאָ קיין געלט!

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן. איך וויל אָנהייבן שרייען, ליאַרעמען, מאַכן אַ טומל — זאָלן מענטשן זיך צוזאַמענלויפן און זען מיין גרויס אומגליק. באַלד קום איך אָבער צו זיך און טראַכט: קינדער וויינען ווען זיי פאַרלירן עפּעס, אַלטע ווייבער שרייען ווען עס פּאַסירט אַן אומגליק, אַ מאַן פאַרלירט זיך ניט. איך וועל בעסער זיין רואיק און טראַכטן — אפשר וועל איך קאָנען געפינען דעם גנב. טראַכט איך און טראַכט און עס פאַלט מיר איין, אַז ס׳איז די אַרבעט פון אַ היימישן גנב. איך זע דאָך: קיין זאַך איז אין קראָם ניט צעוואָרפן. דער, וואָס האָט מיך באַגנבעט, האָט גע־וואוסט וואו דאָס געלט ליגט באַהאַלטן.

אָבער ווער קאָן זיין דער גנב? איך בין שטענדיק אַליין אין קראָם. ביינאַכט ווען איך צייל איבער דאָס געלט פאַרמאַך איך די טיר אויפן ריגל. ווער קאָן דאָס זיין? געוויס איינער פון מיינע שכנים.

גיי איך אַוועק צו דער פּאָליציי, און דערצייל די מעשה. זאָגט צו מיר דער הויפּט פון פּאָליציי: — איז וואָס זשע ווילט איר זאָל איך טאָן?

— איך וויל, האָב איך געענטפערט, איר זאָלט מאַכן אַ רעוויזיע באַ מיינע שכנים — ביי דעם יידן הערשל ליוויי דעם שניט קרע־מער און פריץ שפּיצבערג דעם אייזן הענדלער.

— אָבער געדענקט, — האָט דער הויפּט פון דער פּאָליציי גע־

זאָגט, — אויב מען וועט ביי איינעם פון זיי גאָר ניט געפינען, וועלן זיי אייך אָנקלאָגן אין געריכט פאַר באַליידיקונג.

— ענטפער איך: — איך ווייס עס. איך נעם אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

נעמט דער הויפט פון דער פאָליציי דריי סאָלדאַטן און מאַכט אַ רעוויזיע ביי מיינע צוויי שכנים און געפינט ביי דעם יידן מיינע פיר הונדער און צוואַנציק גאָלדענע רענדלעך, הונדערט דריי און אַכציק זילבערנע טאָלער און פינף און דרייסיק קופערנע פעניגס. האָבן זיי אים אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין געפענקעניש. מיר האָט מען אָבער מיין געלט ניט צוריקגעגעבן, האָט געזאָגט האַנס שמיד און זיך אַוועקגעזעצט.

טוט אַ ברום דער הויפט ריכטער:

— הערשל ליוויי, לייגט פאַר אייערע טענות.

הערשל ליוויי דערציילט

הייבט אָן דער שניט־קרעמער און זאָגט:

— אמת טאַקע, מען האָט ביי מיר געפונען פיר הונדערט און צוואַנציק רענדלעך, הונדערט דריי און אַכציק זילבערנע טאָלערס און פינף און דרייסיק קופערנע פעניגס, אָבער איך האָב דאָס געלט ניט געגנבעט. ס'איז מיין געלט. פאָליציי האָט זיך אַריינגעריסן צו מיר אין קראָם, איבערגעקערט אַלץ קאַפּויר און באַפוילן מיר וויזן מיין געלט. האָב איך זיי געוויזן דאָס געלט. האָבן זיי עס איבערגעציילט און מיך אַרעסטירט. אין געריכט האָט מען מיר געזאָגט, אַז מען באַשולדיקט מיך אין גנבה. איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן. ס'איז מיין געלט. איך פאַרשטיי ניט, פון וואַנען האַנס שמיד האָט געקאָנט וויסן פונקט אַקוראַט וויפל געלט איך האָב. אָבער ס'איז פאָרט מיין געלט. איך שווער ביי גאָט, אַז איך זאָג דעם אמת.

טוט אַ ברום דער הויפט ריכטער:

— הערסט, שניידערל, וואָס דער באַשולדיקטער זאָגט? ער האָלט זיך ביי זיינע טענות שוין באַלד דריי חדשים. מיר האָבן אים

געמאַטערט און געפּייניקט און ער זאָגט דאָס זייניקע. מיר האָבן גענומען זיין פרוי אויף אַ פאַרהער, טענהט זי אויך דאָס זעלביקע: איר מאַן האָט געהאַט ביי זיך אַט די סומע דעם לעצטן טאָג פון יאַריד. איצט ווער איז גערעכט? וועמען זאָל מען גלויבן?

אַ גלייכווערטל

ס'איז גרינג אויסצוגעפינען דעם אמת — ענטפערט שניידערל.

— ווי אַזוי? — פרעגן די ריכטער נייגעריק.

— ס'איז פאַראַן אַ גלייכווערטל, — ענטפערט שניידערל, „דער אמת קומט אַרויף ווי בוימל אויף וואַסער."

— ס'איז אַ שיין ווערטל — ענטפערט דער הויפּט ריכטער, קאַלט און ברוגזלעך, אָבער ווי פּאַסט עס זיך צו די סוחרים?

— גאַנץ איינפאַך, — זאָגט שניידערל, — זאָל מען ברענגען אַ טאָפּ הייס וואַסער און אַריינוואַרפן דאָס געלט אין דעם קאָכעדיקן וואַסער, וועט זיך ווייזן בוימל, געהערט דאָס געלט צום אויל סוחר. זיינע הענט זיינען שטענדיק פעט פון מעסטן אויל. וועט דאָס וואַסער בלייבן ריין, איז עס דעם שניט-סוחרס געלט.

די צוועלף ריכטער האָבן באַפוילן ברענגען אַ טאָפּ קאָכעדיק וואַסער און אַריינוואַרפן דאָס געלט אין טאָפּ. דאָס וואַסער איז געבליבן ריין.

ווען דער אויל סוחר האָט עס דערזען, איז ער געפאַלן אויף די קני און אויסגעשריגן:

— איך בין דער שולדיקער! איך בין דער שולדיקער! האָט רחמנות אויף אַ זינדיקן מענטשן. איך וועל אַלץ דערציילן.

זאָגט דער הויפּט ריכטער:

— האַנס שמיד, דערצייל!

און דער אויל סוחר האָט דערציילט:

— ס'איז אַ ליגן, וואָס איך האָב פריער געזאָגט, אַז דער יאַריד איז געווען אַ גוטער. איך האָב אָנגעגרייט אַ סך סחורה און זייער ווייניק געלייזט אויף היינטיקן יאַריד. בין איך גאַנצע טעג געזעסן און געטראַכט וואָס וועל איך טאָן, ווען איך וועל ניט קאָנען באַצאָלן

מײַנע חובות? מען וועט מיך אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה. ס'איז שפּעט אין אָוונט, אַהיים ווילט זיך ניט גיין — וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? זיץ איך אין קראָם און קאָן זיך ניט געפֿינען קיין אָרט. הייב איך אָן איבערשטעלן די טעפּ און סלויעס מיט די אוילן. פּאָרע איך זיך, רוק פֿאַנאַנדער טעפּ אויף אַ פּאָליצע, און דורך אַ שפּאַלט דערזע איך, אַז ביי מײַן שכן אין קראָם ברענט אַ קליין לעמפּעלע. ס'איז שפּעט אין דער נאַכט, ווער איך נײַגעריק צו זען וואָס עס טוט דאָרטן מײַן שכן. לייג איך צו מײַן אויג צום לעכל, זע איך, אַז מײַן שכן ציילט געלט. ער ציילט געלט און לייגט גאָלד באַזונדער, זילבער באַזונדער און קופּער באַזונדער. דערנאָך זאָגט ער צו זיך: „האָב איך, הייסט עס, פֿיר הונדערט און צוואַנציק גאָלדענע רענדלעך, הונדערט דריי און אַכציק זעלבערנע טאָלער און פֿינף און דרײַסיק קופּערנע פּעניגס".

טראַכט איך זיך, אָט מײַן שכן איז אַ גליקלעכער. ווען איך האָב אַזויפֿיל געלט, וואָלט איך געהאַט גענוג צו באַצאָלן מײַנע חובות. און טאַקע באַלד אויפֿן אָרט איז מיר אײַנגעפֿאַלן דער פּלאַן...

שניידערלס אורטייל

נו, וואָס זאָגסטו, שניידערל? — האָט געזאָגט דער הויפּט ריכטער, — וואָס זאָל מען טאָן מיט האַנס שמיד, דעם אויל־סוחר? זאָל מען אים אָפּהאַקן די רעכטע האַנט, ווי מען טוט מיט אַ קליינעם גנבֿ, אָדער ביידע הענט ווי מען באַשטראָפֿט אַ גרויסן גנבֿ?

טראַכט זיך שניידערל: — פֿע, ס'איז גאָר ניט ייִדישלעך צו באַשטראָפֿן אַ מענטשן מיט אַראָפּהאַקן אַ האַנט. גאָר האַקן הענט! מען דאַרף ראַטעווען דאָס אָרעמע מענטשל.

— זאָגט נאָר מיר, געלערנטער ריכטער, פֿאַרוואָס האַקט מען אָפּ די רעכטע האַנט ביי אַ גנבֿ? — פֿרעגט שניידערל.

— ער זאָל מער ניט גנבֿענען, — זאָגט דער ריכטער.

— אַ קלוג געזעץ, — זאָגט שניידערל, — אָבער האַנס האָט דאָך ניט געגנבֿעט מיט די הענט. לאָזט אים צורו. ער איז איצט

געבליבן אָרעם, וועט ער ניט האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן זיינע חובות, און ער וועט שוין זיין שטראָף באַקומען.

זאָגט דער הויפּט ריכטער — זייער קלוג גערעדט, זייער קלוג. ביסט גערעכט, געזעצלעך קאָן מען אים ניט אָפּהאַקן די הענט. ער האָט דאָס געלט ניט אָנגערירט מיט קיין פינגער. דו האָסט אונדז פאַרהיט פון אַ גרויס אומרעכט.

— איצט — זאָגט שניידערל — בעט איך אייך, חשובע ריכ־טער, דערלויבט מיר זיך אומצוקערן אַהיים. מען וואַרט אויף מיר.

—מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — ענטפערט דער הויפּט ריכ־טער — מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. מיר דאַנקען אייך און די שטאָט וועט אייך גוט באַלוינען.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק — ענטפערט שניידערל — פאַרנייגט זיך און גייט אַרויס פון געריכט.

ריכטער צאַדוק האָט געוואַרט אויף אים. שניידערל האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן און איז אַוועקגעפאָרן. ער איז אָבער אַהיים ניט געקומען. ער איז פאַרפאָרן אין ווייטע, ווייטע לענדער.



אין ווייטע לענדער

אַ געשפּרעך

פאָרט דאָס קלוגע שניידערל פון לייפּציקער יאַריד, און ס'איז אים גוט אויפן האַרצן. מיט זיין גרויסער חכמה האָט ער געראַטעוועט זיין חבר, ריכטער צאָדוקן, פון טויט, און דעם אומשולדיקן יידן פון תפיסה. און ס'איז דאָך באַוואוסט, אַז ווען איינער טוט אויף עפּעס אַ גוטע זאַך איז אים גוט אויפן האַרצן.

און אַז ס'איז גוט אויפן האַרצן, זינגט זיך. פאָרט שניידערל און זינגט. זינגט זיינע אַלטע לידלעך: „רויבער פון רויבער־לאַנד", „פּערציק מיט אַ מאָל" און אַנדערע יידישע לידער.

זיצט ריכטער צאָדוק ברייטלעך צעשפּרייט אין וואָגן און רויכערט געמיטלעך זיין ליולקע. שניידערל האַלט אַ קורצע פּיפּקע אין מויל, ציט מיט הנאה דעם רויך און ברומט די לידלעך.

נעמט אַרויס ריכטער צאָדוק די ליולקע פון מויל און זאָגט:

— מיין פריינט, איך זע, אַז דו האָסט זייער שטאַרק ליב רויכערן. ביסט דאָך אַ פרומער ייד, איז וואָס טוסטו שבת?

— שבת רויכער איך ניט — ענטפערט שניידערל.

— אָבער אַז עס ווילט זיך פאָרט? — פרעגט ריכטער צאָדוק.

— ווילט זיך איבער — ענטפערט שניידערל — ווען איינער ווייסט, אַז ער קען עפּעס אַ זאַך ניט קריגן, ווילט זיך דאָס אים ניט. ווילט זיך דיר אַמאָל זיין אַ קעניג?

— עס פעלט מיר גאָר ניט אין — ענטפערט ריכטער צאָדוק.

— פאַרוואָס? פרעגט שניידערל.

— ביסט טאַקע גערעכט — זאָגט ריכער צאָדוק — ווייל איך ווייס, אַז עס אומעגלעך. איך פאַרשטיי עס איצט, דו גלויבסט אַזוי שטאַרק אין דיין גאָט, אַז עס פאַלט דיר גאָר ניט איין צו וועלן באַגיין די זינד פון רויכערן אום שבת.

— או, או — שאָקלט שניידערל מיטן קאָפּ.

— אַלע יידן זיינען אַזוי ווי דו ? פרעגט ריכטער צאָדוק.

שניידערל נעמט אַרויס די פּיפּקע פון מויל און ענטפערט ביי־זלעך :

— וואָס מיינסטו צי אַלע יידן זיינען ווי איך ? פון וואַנען זאָל איך וויסן ? איך האָב קיינמאָל ניט צונויפגעזאַמלט אַלע יידן פון דער וועלט צו פרעגן זיי, צי זיי ווילן רויכערן אום שבת אָדער ניט.

— איז וואָס טוען טאַקע אַזעלכע יידן, וואָס ווילן שטאַרק רוי־כערן שבת ? — פרעגט ריכטער צאָדוק.

ענטפערט שניידערל :

— אויב זיי זיינען גאָר ניט קיין גלויביקע, רויכערן זיי. זיינען זיי אַביסל פרום, פּרובירן זיי נאַרישע מיטלען.

— וואָס פאַר אַ מיטלען ? — פרעגט צאָדוק.

ענטפערט שניידערל :

— אַ סך יידן לאָזן אָן פרייטיק פולע פלאַשן מיט רויך און פאַרשטאָפּן זיי מיט פּראָפּקעס. קומט שבת, עפענען זיי די פלאַשן און אָטעמען אַריין דעם רויך. אַנדערע יידן באַזוכן שבת זייערע קריסטלעכע שכנים, זיצן דאָרטן און ווען די שכנים רויכערן, אָטע־מען די יידן אַריין דעם אַרויסגעלאָזענעם רויך. ס'האָט אָבער אַ טעם פון רויע קאַרטאָפל.

— און קיין אַנדערע מיטלען... — האָט ריכטער צאָדוק, וייטער געוואָלט פרעגן.

אין ווייטע לענדער

דריי באַוואָפנטע רייטער

ער האָט אָבער ניט פאַרענדיקט זיין פראַגע. פון וואַלד האָט זיך דערהערט אַ ברעכן פון צווייגן און אַ טומל. דריי רייטערס זיינען אָנגעלאָפן און פאַרשטעלט דעם וועג. דער עלטסטער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— שטעלט זיך אָפּ!

שניידערל האָט אַ קוק געטאָן אויף די רייטערס און געזען: יעדער איינער האַלט אַ בלאַנקע שווערד אין דער רעכטער האַנט. פון זייערע קעשענעס שטעקן אַרויס פּיסטאָלעטן.

טוט ער אַ זיפץ:

— מען דאַרף פאָלגן — און ער האָט אָפּגעשטעלט דעם וואָגן.

— אַראָפּ פון וואָגן — טוט אַ קאָמאַנדעווע דער הויפּט פון די דריי רייטערס.

שניידערל און ריכטער צאָדוק זיינען אַראָפּ פון וואָגן.

— דו מעגסט צוריק אַרויפקריכן אויף דעם וואָגן — טוט דער הויפּט רייטער אַ באַפעל צו ריכטער צאָדוק.

ריכטער צאָדוק לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. ער כאַפּט זיך אַרויף אויפן וואָגן, טו אַ שמיץ דעם פערד און — היידאַ, אַוועק.

בלייבט דאָס קלוגע שניידערל שטיין מיט די דריי רייטערס. ער איז קליין געוואָקסן, שניידערל. צווישן די דריי הויכע שוואַרצע גלאַנציקע פערד קוקט ער אויס נאָך דאַרער און קלענער. שטייט ער, וואַרט און זאָגט ניט קיין וואָרט.

— נו, קלוג שניידערל — זאָגט דער הויפּטלינג — פאַרוואָס פרעגסטו ניט, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון דיר?

— צוליב וואָס פרעגן? — ענטפערט שניידערל — איר וועט מיר שוין אַליין זאָגן. זעסט דאָך, האָסט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און אָנגעהויבן פרעגן פראַגעס.

—ביסט גערעכט, שניידערל — ענטפערט דער הויפּטלינג — איך בין טאַקע אַן אומגעדולדיקער, אָט וועל איך דיר דערציילן ווער איך בין און וואָס איך פאַרלאַנג.

— גוט — האָט געענטפערט שניידערל — לאָמיר הערן. אָבער איידער דו הייבסט אָן דערציילן, גיב מיר אַ ליולקע טאַבאַק. פאַרשטייסטו מיך, מיין ליולקע האָט זיך דערשראָקן, ווען דו האָסט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: אַראָפּ פון וואָגן! האָט זי זיך גענומען טרייסלען און דער טאַבאַק האָט זיך אויסגעשאָטן.

— אפשר האָט זיך דיין האַנט האַנט גאָר געטרייסלט? האָט דער הויפּטלינג געזאָגט מיט שפּאָס.

— אפשר — ענטפערט שניידערל. — ביי דיר אין קעשענע האָט אַ פּיסטאָלעט אַרומגעטאַנצט, ביים זייט האָט זיך געטרייסלט אַ שווערד, קאָן זיין, אַז מיין האַנט האָט זיך אויף זיי פאַרקוקט און זיך אָנגעהייבן טרייסלען.

— בלייבסט קיינמאָל ניט שולדיק קיין ענטפער, זאָגט דער הויפּטלינג און שטאָפּט אָן שניידערלס ליולקע.

— אַן ערלעכער מאַן בלייבט קיינמאָל קיינעם גאָר נישט ניט שולדיק, זאָגט שניידערל און פאַרציט די ליולקע. נו, דערצייל!

פ ר י נ ץ   ט ו ד אָ ר

רעדט דער הויפּטלינג און זאָגט:

— דו זאָלסט וויסן, אַז איך בין פּרינץ טודאָר. מיין פאָטער, קיניג עדוואַרד, געוועלטיקט איבער בריטאַניע — אַן אינדזל-מדינה פון אַכט הונדערט מייל די ברייט און דריי טויזנט מייל די לענג. מיר זיינען דריי ברידער. איך בין דער עלטסטער, מיין פאָטער איז אַלט און זאַט אין יאָרן. נאָכן געזעגן נאָך דאַרף איך ירשהנען די מלוכה. אָבער מיין פאָטער האָט מיך ניט ליב. ער האַלט זייער אַ סך פון מיין ייִנגסטן ברודער.

— פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָרן דעם חן אין דיין פאָטערס אויגן? — האָט געפרעגט שניידערל.

— ווייל איך בין ניט אַזוי שטאַרק גאָטפאַרכטיק. איך גיי ניט אָפט אין קירך. איך האָב ליב צו לייענען אַלטע ביכער. איך האָב ליב צו לייענען די ביכער פון אַריסטאָטלען און פון פּלאַטאָ. האַלט מען מיך פאַר אַן אַפּיקורס. די אַלע אַדל-לייט און הויף-דאַמען

האַלטן, אַז מען טאָר מיר ניט געטרויען די מלוכה. איבערהויפּט דערגייט מיר די יאָרן דער הויפּט גלח. ער האָט מורא, אַז איך וועל אַרויפשטייגן אויפן טראָן, וועל איך ניט לאָזן די קירך זאָל אַזוי שינדן די הויט פון פאָלק. האָט ער אָנגערעדט אויף מיר פאַרן קיניג. מיין יינגסטער ברודער איז אַ גאָטספּאָרכטיקער, גייט אין קלויסטער, פירט זיך פרום, טוט וואָס טאַטע־מאַמע און אַלע גוטע לייט הייסן. איך בין אַ יונג מיט הייסע בלוטן, האָב פיינט זיך חנפהנען צו די הויפּט־לייט, האָבן זיי מורא פאַר מיר.

— האַלט עס ברודערל, שלעכט — זאָגט שניידערל.

— יאָ — זאָגט דער פרינץ — ס'איז טאַקע ניט אַזוי פויגלדיק. אָבער צווישן די יונגע אָפיצערן און הויפטלייט בין איך באַליבט. ווען איך זאָל נאָר וועלן, קער איך איבער אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און פאַרכאַפּ דעם טראָן. וויל איך אָבער ניט, איך וועל דאַרפן פאַרגיסן בלוט... טראַכט איך זיך, ווען איך זאָל נאָר פאַרמיאוסן דעם גלח אין די אויגן פון מיין פאָטער, וואָלט איך שוין געקראָגן דעם טראָן אָן בלוט פאַרגיסונג. ווייס איך אָבער ניט ווי אַזוי. אין פּאַלאַץ קאָן איך ניט בלייבן. איך דאַרף אויסשטיין באַליידיקונגען. ביי אַלע צערע־מאָניעס האַלט זיך שוין מיין יינגסטער ברודער, ווי אַ קרוין־פרינץ. איך האָב מורא איך וועל ווערן אין כעס און באַגיין אַ נאַרישקייט. זאָג איך צו מיינע איבערגעגעבנסטע חברים: — לאָמיר זיך לאָזן אי־בער דער וועלט. לאָמיר אַרומרייזן, אפשר וועלן מיר אָנטרעפן אַ קלוגן מענטשן און ער וועט מיר געבן אַ גוטע עצה. ענטפערן זיי: ס'איז אַ גוטער איינפאַל, דערווייל וועלן מיר זען אַ ביסל די וועלט.

נו, שוין מער ווי אַ יאָר, אַז מיר זיינען אין וועג. מיט דריי חדשים צוריק האָבן מיר אָנגעשפּאַרט אויף לייפּציקער יאַריד. מיר האָבן געהערט די מעשה מיטן בלאָען דימענט, זיינען מיר געבליבן וואַרטן צו זען, וואָס דער סוף וועט זיין. מיר זיינען טאַקע געווען אין געריכט ווען דו האָסט אויסגעפונען דעם מערדער. אַז איך האָב דערזען דיין חכמה, האָב איך געזאָגט צו מיינע חברים.

— שניידערל איז דער, וואָס וועט קאָנען אַריינגאַרן דעם גלח אין זאַק אַריין.

האָבן מיר דיך אָפּגעוואַרט דאָ אין וואַלד און דיך פאַרהאַלטן. ביסטו צופרידן?

— יאָ צופרידן, ניט צופרידן — האָט געענטפערט שניידערל — האָסט דאָך מיך ניט געפרעגט. אָבער פאַרפאַלן, נאָר פאָרן אין אַ צווייטער מדינה און דורכמאַכן ווענטורעס בין איך שטענדיק גרייט. קומט!

— אָט האָבן מיר דאָ אין וואַלד אָנגעגרייט פאַר דיר אַ פערד — זאָגט דער פּרינץ, — זעץ זיך אויפן פערד, און קום!

די מדינה פרידאָם

פאָרן זיי און פאָרן פיר נעכט און פינף טעג. אויף דער פינפטער נאַכט זיינען זיי אָנגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון דער מדינה פרידאָם.

די הויפּט־שטאָט פון דער מדינה פרידאָם האָט זיך געפונען אויף די ברעגן פון דעם טייך דונאַי. שיין איז דער דונאַי, בלאָ ווי דער הימל און גלאַנציק ווי אַ שפּיגל. די וואַסערן פליסן צווישן הויכע בערג, אויף די בערג גרינע ביימער און פאַרביקע בלומען. די בערג, ביימער און בלומען שפּיגלען זיך אָפּ אין די קלאָרע בלאָע וואַסערן. ווען מען שיפט זיך אויפן טייך דוכט זיך אַז מען איז ערגעץ ווייט אין אַ צויבער־לאַנד, וואו ס'איז ניטאָ קיין זאָרג און קיין שרעק. ס'איז אַ פאַרכישופט לאַנד און מען שיפט זיך צווישן צוויי הימלען.

די הויפּט־שטאָט איז שטענדיק פריילעך. בייטאָג איז די שטאָט פול מיטן טומל פון סוחרים און גערויש פון וועגענער. ביינאַכט איז די שטאָט באַלויכטן מיט טויזנטער פייערן, און פול מיט פאַרגעניגן־זוכער.

פּרינץ טודאָר האָט געקענט די שטאָט זייער גוט. גאַנץ אָפט פלעגט ער באַזוכן זיינע פריינט אין שטאָט און פאַרברענגען מיט זיי אין די שענקען. איצטער האָט ער אויסגעקוקט די אויגן ביז ער איז געקומען קיין פרידאָם. ער איז אָבער געוועזן מאָדנע איבעראַשט.

די שטאָט איז געווען פינצטער און פאַרלאָזן. ס׳איז געווען אָנהייב אָוונט און מען האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן אין די גאַסן. די שענקען צוגעמאַכט, די געשעפטן געשלאָסן און אַלע פענצטער שוואַרץ און בלינד.

וואונדערט זיך פּרינץ טודאָר. פאָרט ער צו צו זיינעם אַ פריינט מיטן נאָמען קוראַדאָ און קלאַפּט אָן:

— עפנט! פּרינץ טודאָר קלאַפּט אין טיר!

עפנט אים דער חבר די טיר, לאָזט אים אַריין און זאָגט:

— אַ שיינע צייט האָסטו אויסגעקליבן קומען צו אונדז. יעדער איינער וואָס האָט נאָר געקאָנט אַנטלויפן איז אַנטלאָפן פון דאַנען. מאָרגן קלייבט זיך דער קעניג צו אַנטלויפן, און דו ביסט געקומען צו אונדז מיט אַ באַזוך!

— וואָס איז געשען? — האָט געפרעגט פּרינץ טודאָר.

ענטפערט קוראַדאָ און זאָגט:

— דו ווייסט דאָך, פּרינץ טודאָר, אַז מיר זיינען אַ פרידלעך פאָלק. אונדזער לאַנד איז אָרעם. די ערד איז ניט שטאַרק פּרוכט־באַר, מיר געפינען זיך לעבן בערג, וואו די ערד איז זאַמדיק און פול מיט שטיינער. אונדזער קעניג איז אַ גוטמוטיקער, האָט ליב באַק־וועמליכקייט. די וואָגלעניש און אָפּקומעניש פון לאַגערן זיינען אים ניט צום האַרצן. דאָס פּראָסטע פאָלק וויל קיינמאָל ניט דינען אין סאָלדאַטן און פירן מלחמה. לעבן מיר זיך פרידלעך. איצט איז אָבער אונדזער פאָטערלאַנד באַפאַלן געוואָרן פון אַ שונא. קעניג זיגפריד פירט מלחמה מיט אונדז.

— קעניג זיגפריד! זאָגט טודאָר — אָט דער קעניג, וואָס האָט אָפּגעשטופּט דעם ים אויף צוויי מייל?

— יאָ, אָט דער זיגפריד טאַקע, וואָס האָט צונויפגענומען פופ־ציק טויזנט מענטשן פון זיינע מדינות און פאַרשאָטן דעם ים אויף צוויי מייל, ער וויל איינגעמען די וועלט.

— ווי ווייט זיינען זיגפרידס אַרמייען פון שטאָט? פרעגט פּרינץ טודאָר.

— ער איז אויף יענער זייט טייך — האָט געענטפערט קוראַ־

דאָ. — ער רוט מיט זיינע סאָלדאַטן אויף די בערג און וואַרט ביז די וואַסערן פון טייך וועלן קלענער ווערן. ער האָט אויך געבראַכט מיט זיך די נייע מאַשינען —הארמאַטן וואָס שיסן מיט פולווער. ער גרייט זיך אונדז באַפאַלן און פאַרוויסטן אונדזער לאַנד.

זאָגט פרינץ טודאָר — ס׳איז גאָר ניט קיין פריילעכע מעשה.

— דיר איז אויך שלעכט ? — שפּאָסט ביטער קוראַדאָ — דו האָסט דאָך ניט קיין פאַרמעגן ביי אונדז אין לאַנד.

— קיין פאַרמעגנס און גיטער האָב איך טאַקע דאָ ניט — ענטפערט פרינץ טודאָר אָבער ס׳איז פאַסקודנע, וואָס איך אַליין בין דאָ.

— קער זיך אום צוריק — זאָגט קוראַדאָ.

— ס׳איז שוין באַלד אויסגעגאַנגען מיין גאַנץ געלט — ענטפערט פרינץ טודאָר. — איך האָב גערעכנט אַז אין אַ וואָך, צוויי, וועל איך זיין אין דער היים. איצט ברודערל בין איך גאָר אין אַ קלעם. קעניג זיגפריד וועט מיך פרידלעך ניט לאָזן דורכגיין זיין לאַגער, צוריקקערן זיך האָב איך ניט קיין געלט. בין איך אין דערזעלביקער לאַגע ווי איר אַלע.

— איז וואָס טוט מען ? פרעגט קוראַדאָ.

שניידערל איז געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך און געשוויגן. ער האָט אָבער דערזען ווי ביידע שטייען פאַרלאָרענע, דערשראָקענע און איינער פרעגט דעם אַנדערן : וואָס טוט מען ? — איז ער רואיק צוגעגאַנגען צום פרינץ טודאָר און געפרעגט : — קאָנסטו מיך פאָרשטעלן פאַרן קעניג ?

— דו האָסט אַ מיטל ווי אַזוי בייצוקומען זיגפרידס אַרמיי ? — האָט געפרעגט פרינץ טודאָר.

— ס׳קען זיין — ענטפערט שניידערל — עס ווענדט זיך ניט אָן מיר אַליין, עס ווענדט זיך אויך אָן דעם קעניג.

— איך גלויב, אַז איך קאָן אייך פאָרשטעלן פאַרן קעניג — האָט קוראדאָ געענטפערט — אָבער פריער מוז איך פאָרשטעלן פרינץ טודאָר.

— גוט — ענטפערט שניידרל — פאַרציט עס אָבער ניט אין דער לאַנגער באַנק.

— אַוואַדע — ענטפערט קוראַדאָ — אויב מירן עס אָפּלייגן אויף לאַנג קאָן זיין צו שפּעט.

דער קעניג פּרובירט אויס דאָס קלוגע שניידערל

קוראַדאָ האָט זיך שנעל אָנגעטאָן אין פּאַראַדנע קליידער און גענומען פּרינץ טודאָר מיט זיך. דער פּרינץ איז געקומען פאַרן קעניג און גערעדט אַזוי צו זאָגן:

— איך בין פּרינץ טודאָר, איך האָב זיך צוריקגעקערט מיט מיינע חברים פון מיין וואַנדערונג איבער דער וועלט, און איך וויל פאָרן צוריק אין מיין טאַטנס קעניגרייך, דאַרפן מיר איבערקרייצן דעם דונאַי, אָבער מיר קאָנען ניט, זיגפרידס אַרמיי באַלאַגערט די שטאָט. אייך איז ניט גוט. מיר מיט מיינע באַגלייטער איז אויך ניט גוט. מיר קאָנען ווייטער ניט פאָרן. מיר מוזן באַזיגן זיגפרידן.

— שיין גערעדט, פּרינץ טודאָר — האָט געזאָגט דער קעניג — אָבער ווי אַזוי קאָנען מיר באַזיגן זיגפרידן? ווייסט דאָך, אַ מלחמה פירט מען מיט סאָלדאַטן, ביקסן און האַרמאַטן. מיר האָבן ניט קיין סאָלדאַטן, ניט קיין ביקסן און ניט קיין האַרמאַטן.

— מיין האַר קעניג — האָט פּרינץ טודאָר ווייטער גערעדט — איך פיר מיט זיך אַ יידן, זייער אַ קלוגן יידן. מען רופט אים דאָס קלוגע שניידערל, אָדער שניידערל. ער איז דאַר ווי אַ שפּאָן און קליין ווי אַ פייג, אָבער דאָס דאַרינקע און קליינינקע מענטשעלע איז זייער קלוג.

— דיין שניידערל דאַרף זיין גאָר אַ קלוגער, אויב ער קאָן ראַטעווען מיין מדינה פון זיגפרידס סאָלדאַטן.

— אַוואַדע איז ער קלוג — האָט געענטפערט פּרינץ טודאָר — לייפּציקער געריכט האָט אים דערקלערט פאַר דעם קליגסטן מענטשן אין דער מדינה.

—אין לייפּציקער געריכט זיצן קלוגע ריכטער — האָט דער קעניג געזאָגט — עפּעס אַ קלייניקייט לייפּציק, וואו מען האַלט אָפּ

דעם גרעסטן יאַריד, אַז זיי האָבן אים דערקלערט פאַר דעם קליגסטן מענטשן אין דער מדינה, ווייסן זיי וואָס זייריידן. אָבער, איר ווייסט, פרינץ טודאָר, זיגפרידס אַרמיי איז אַ שווערער ביסן אַראָפּצושלינגען. איך וויל זיך אַליין איבערצייגן צי שניידערל איז אַזוי קלוג. איך וויל אים אויספּרובירן.

— ווען וועט איר אים אויספּרובירן? — האָט פרינץ טודאָר געפרעגט — מען דאַרף עס מאַכן שנעל, ס׳קאָן נאָך זיין צו שפּעט.

— וואַרט אַ ווײַלע — האָט געזאָגט דער קעניג — וואָס איז היינט, ניט שבת?

— יאָ, מיין קעניג — האָט אַן אַדיוטאַנט געענטפערט — היינט איז שבת.

— זייער גוט — זאָגט דער קעניג — ברענג באַלד שוין אַהער דיין קלוגן יידן, שניידערל.

אין עטלעכע מינוט אַרום, איז שניידערל געשטאַנען אין גרויסן זאַל און געוואַרט אויפן קעניג. אַרום זיך זעט ער סענאַטאָרן און גענעראַלן אויסגעפּוצט אין גאָלדענע מונדירן. וואונדערט ער זיך: דאָ זיינען נאָך אַלע גוט און שיין אויסגעפּוצט. דאָ אין פּאַלאַץ איז נאָך ניט קאָנטיק דער הונגער און שרעק פון שטאָט.

אַ טראָמייט האָט אַ שאַל געטאָן:

— דער קעניג קומט אָן!

די סענאַטאָרן, גענעראַלן, נאָבל־לייט און הויף דאַמעס האָבן זיך צעשטעלט אין צוויי גלייכע שורות. זיי האָבן זיך געבויגן צום דיל, געבוקט און גענויגט זיך פאַרן קעניג.

שניידערל האָט זיך אויך גענויגט. גענויגט זיך און געטראַכט — ס׳ליגט זיי נאַרישקייטן אין זינען! צערעמאָניעס אין אַזאַ ביי־טערער צייט! זיי האָבן בעסער געדאַרפט זיין לעבן טייך, פאַר־פעסטיקן די ברעגן, מושטירן די סאָלדאַטן.

דעם קעניגס קול האָט איבערגעשלאָגן שניידערלס געדאַנקען:

— קום אַהער, דו ייד — האָט דער קעניג געזאָגט — קום נעענטער צו מיר. פּרינץ טודאָר האָט מיר דערציילט, אַז דו ביסט דער קליגסטער מענטש אין דער מדינה. דו האָסט געזאָגט, אַז דו קאָנסט אונדז ראַטעווען פון זיגפרידס מיליטער. מיר זיינען

ניט באַוואָפנט און ניט באַקליידט. מיר זיינען הילפלאָז. ווי אַזוי קאָנסטו באַזיגן זיגפרידס אַרמיי ?

— ניט באַזיגן, מיין האַר קעניג — האָט שניידערל געזאָגט

— ניין, ניט באַזיגן זיגפרידס אַרמיי האָב איך געזאָגט. איך בין ניט קיין כישופמאַכער. איך קאָן אָבער צוטראַכטן אַ מיטל אַז זיג־פרידס מיליטער זאָל אָפּטרעטן פון שטאָט.

— וואָס איז דאָס מיטל ? — האָט דער קיניג געפרעגט.

— ס'איז אַ גרויסער פּלאַן — האָט שניידערל געזאָגט — זאָל דער קעניג זיין אַזוי גוט און באַפעלן דעם מיניסטער פון ווירט־שאַפט צו געבן מיר אַלץ, וואָס איך וועל פאָדערן. אויך זאָל ער באַפעלן דעם הויפּט פון דער אַרמיי אויסצופאָלגן מיינע באַפעלן.

— גוט, שניידערל, איך וועל דערפילן דיין פאַרלאַנג, אַזוי שנעל ווי דו וועסט מיר דערקלערן דיינע פּלענער. דערווייל אָבער לאָמיר שליסן אַ בונד צווישן מיר און דיר. אַ בונד פון פרידן אַז איך זאָל דיך קיינמאָל ניט אָפּנאַרן און דו זאָלסט מיך ניט באַטריגן.

— גוט, מיין קעניג.

— טאָ דערנענטער זיך צום טראָן, האָט באַפוילן דער קעניג.

— אָט האָב איך פאַר דיר אַ ליולקע מיט טאַבאַק, לאָמיר רויכערן אַ ליולקע פון פרידן, ווי די אינדיאַנער טוען אין דער ווייטער אַמע־ריקע.

שניידערל האָט געעפנט דאָס מויל און געוואָלט זאָגן : — היינט איז שבת, און איך בין אַ פרומער ייד, רויכער איך ניט אום שבת — ער האָט אָבער באַמערקט אַז ס'איז געוואָרן מאָדנע שטיל אַרום. האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער קעניג וויל אים אויספּרובירן, זעען צי ער קאָן זיך אויסדרייען און ניט רויכערן אום שבת און ניט באַליידיקן דעם קעניגס געשאַנק.

שניידערל האָט צוגענומען דעם קעניגס ליולקע און געזאָגט :

— דעם קעניגס מתנה איז מיר טייער און הייליק, ווי אַזוי קאָן איך עס אָוועקלאָזן מיט רויך ? איך בעט דעם קעניג, מיר דערלויבן באַהאַלטן די ליולקע מיט טאַבאַק ווי צייכן פאַר מיינע קינדער און קינדס קינדער, אַז איך בין געווען טייער אין די אויגן פון מלך.

דער קעניג האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דו האָסט געזיגט, שניידעל, דו האָסט פאַרשטאַנען, אַז איך וויל דיך נאָר אויספּרובירן. איך גלויב טאַקע איצט, אַז דו ביסט זייער קלוג. גוט, לייג פאָר דיין פּלאַן.

שניידערלס פּלאַן

מען האָט צונויפגענומען אַלע שניידער פון שטאָט. ניט נאָר די שניידער אַליין, נאָר אַלע פרויען און מיידלעך און מענער, וואָס האָבן נאָר געקאָנט האַלטן אַ נאָדל אין האַנט, האָט מען געשטעלט אונטער שניידערלס אויפזיכט. מען האָט אויך געעפנט אַלע מאַגאַזינען פון וואָלענע און באַנוולנע סחורה און אַלץ אַ בערגעגעבן אין שניידערלס הענט.

און שניידערל האָט געשניטן די סחורה און גענייט, געשניטן און גענייט.

נעכט און טעג.

די וואַסערן אין טייך האָבן אָנגעהייבן אָפּפאַלן. באַלד, נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג וועלן זיגפרידס אַרמייען אַריינמאַרשירן אין שטאָט. דער טייך ווערט שמעלער און שמעלער. מען קאָן שוין זען ווי די סאָלדאַטן אויף יענער זייט טייך האַקן ביימער און מאַכן פּליטן אַריבערצושווימען דעם טייך. מען קאָן אַפילו הערן ווי די סאָלדאַטן זינגען אין אָוונט. ביים שניידערל האָט די אַרבעט געברענט אונטער די הענט. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שניידערל געקומען צום קעניג און געזאָגט:

— מאָרגן פרי וועלן מיר עס קאָנען אָנהייבן. איך בין שוין גרייט און פאַרטיק.

— גוט — האָט קעניג געזאָגט.

פרימאָרגן, די זון איז אויפגעגאַנגען און באַגילט די שפּיץ ביימער, די פייגל האָבן נאָר וואָס אויפגעוואַכט, אָבער זיגפרידס סאָלדאַטן זיינען שוין לאַנג געווען אויף. האַלב פון די סאָלדאַטן האָבן געאַרבעט אין וואַלד, געזעגט ביימער, די אַנדערע העלפט

פון דער אַרמיי איז געווען אויף דער וואַך. ס'איז געווען טומלדיק אין וואַלד, קלעפּ פון האַמערס, רויש פון זעגן, געשרייען פון עלטסטע, הירזשען פון לאסט־פערד, הוקען פון אַנטרייבערס. מיט אַמאָל האָט זיך איבער דעם גאַנצן טומל געהערט אַ שאַלן פון טרוימייטן. די וואַך האָט אָנגעשפּיצט די אויערן: יאָ טאַקע, דאָס שאַלן קומט פון שטאָט. אַ פּאַראַד פון סאָלדאַטן. קוקט די וואַך און זעט פיר קאָמפּאַניעס סאָלדאַטן מאַרשירן. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, שטעקענעס און בעזעמער אויף די אַקסלען אָנשטאָט ביקסן. צוויי אַלטע פערד שלעפּן עפּעס אַ וועגעלע מיט פּראָוויאַנט.

די וואַך האָט אָנגעהייבן לאַכן און שרייען: — קומט און קוקט אָן דעם פּאַראַד!

די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַלד זיינען געקומען צולויפן צום ברעג און אָנגעקוקט דעם פּאַראַד. זיי אַלע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען:

— קוקט נאָר אָן די קעמפער! זעט נאָר די גרויסע האַרמאַטן!

— פאַרזיכטיק מיט די ביקסן, איר קאָנט נאָך איבערקערן די וועלט מיט זיי.

— שיך, שיך, שיך פאַר די אָרעמע שעפעלאַך. שענקט אַ נדבה פאַר די אָרעמע סאָלדאַטן. זיי האָבן קיין שיך ניט, עס קאָן דאָך רעגענען און די קינדערלעך וועלן זיך נאָך צוקילן.

קאָמפּאַניע נאָך קאָמפּאַניע האָט מאַרשירט, אָבער מאָדנע: די אָנגעקומענע סאָלדאַטן זיינען געוואָרן אַלץ שענער און בעסער אָנגעטאָן. אָט קומט אַ קאָמפּאַניע אָנגעטאָן אין רויט, אַ קאָמפּאַניע אין בלאָ, אַ קאָמפּאַניע אין ברוין, גלאַנציקע שטיוול, גלאַנציקע שווערדן, גוטע פערד.

דאָס געלעכטער אין זיגפרידס אַרמיי איז אָפּגעשאָרבן. ס'איז ניטאָ וואָס צו לאַכן פון אַזאַ אַרמיי.

קוקן זיי און קוקן. עס ציט זיך אַ קאָמפּאַניע נאָך קאָמפּאַניע. געפעלט עס ניט זיגפרידס אַרמיי, ווען וועט עס נעמען אַ סוף? שוין האַלבער טאָג, שוין נאָכמיטאָג, קיינער וויל אַפילו ניט גיין עסן — מען קוקט אַלץ נאָך דער מאַרשירנדיקער אַרמיי.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, פייערן האָבן זיך אָנגעצונדן אין זיג־פרידס לאַגער. די סאָלדאַטן זיינען געזעסן לעבן די פייערן אָנגעשראָקענע.

— מיר האָבן צו לאַנג געוואַרט — זאָגט איין סאָלדאַט. מיר האָבן דערווייל געגעבן דעם קעניג פון פרידאָם צייט זיך צוצוגרייטן.

— מען וועט אונדז געבן שמעקן פולווער. ברודערל — זאָגט אַן אַנדער סאָלדאַט — זיי האָבן דאָך מער סאָלדאַטן ווי מיר האָבן.

— איז טאַקע פּאַסקודנע — זאָגט אַ דריטער סאָלדאַט.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן פון איבער דעם טייך טרויעריקע ניגונים. אין שטאָט האָבן מוזיקער געשפּילט האַרציקע היימישע מעלאָדיעס. די צעשראָקענע סאָלדאַטן פון זיגפרידס אַרמיי האָבן געהערט די ניגונים, וואָס האָבן זיי דערמאָנט אָן זייער הויז, פעלד, פרוי, קינדער, פאָטער און מוטער.

יעדער איינער האָט איינגענורעט דעם קאָפּ צווישן די קני און געמורמלט: — אויב מיר בלייבן דאָ, איז ווער ווייס צי מיר וועלן שוין ווען עס איז זעען אונדזער היים.

שטיל האָבן די סאָלדאַטן, איינציקווייז, גענומען פאַרלאָזן דעם לאַגער. די גאַנצע אַרמיי האָט דעזערטירט.

זיגפרידס אַרמיי אַנטלויפט

א שפּראָץ אויף טאָג איז דער קעניג אויפגעשטאַנען און האָט דערזען, אַז זיגפרידס לאַגער איז פאַרלאָזן. ער האָט זיך זייער געפרייט און אַריינגערופן שניידערל און געזאָגט:

— האָסט געזיגט, שניידערל, דיין איינפאַל איז געלונגען. מען דאַרף איצט אַ שאַל טאָן און אָנזאָגן דער שטאָט, אַז דער שונא איז אַוועק.

לאָז דערווייל די שטאָט שלאָפן — האָט שניידערל געזאָגט — זיי זיינען דאָך אַלע טויט מיד. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי מאַרשירט. אין גאַנצן זיינען געבליבן דריי טויזנט מענער, און יעדער איינער האָט זיך געדאַרפט איבערטאָן פערצן מאָל, און מאַרשירן אין פערצן באַזונדערע רעגימענטן.

— ס׳איז געווען אַ קלוגער איינפאַל — האָט דער קעניג גע־זאָגט — היינט די היימישע מוזיק, וואָס דו האָסט פאַר זיי גע־שפילט. ס׳האָט אַ צופּ געטאָן די אָרעמע טייוואָלים ביים האַרצן. דו האָסט אונדז געראַטעוועט פון זיגפרידס סאָלדאַטן.

— איצט, אויב, אייער מאַיעסטעט, וועט אונדז לאָזן, וועלן מיר גייען אונדזער וועג — האָט פרינץ טודאָר געבעטן.

— איך וואָלט אייך געוואָלט פאַרהאַלטן — האָט דער קעניג געזאָגט, איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט זיין ביי דער פייערונג. מיר וועלן פייערן דעם זיג מיט אַ גרויסן באַל און פאַראַד. אָבער איר איילט זיך, וועל איך אייך לאָזן גיין אַהיים.

פרינץ טודאָר און שניידערל האָבן באַדאַנקט דעם קעניג, און איידער די שטאָט האָט דערוואַכט האָט דער פרינץ מיט זיינע באַ־גלייטער זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

אין טודאָרס מדינה

דער גלח נאַסיסיס

פרינץ טודאָר מיט זיינע באַגלייטער זיינען אָנגעקומען אין זיין פאָטערס פּאַלאַץ. ס'איז דאָרט געוואָרן אַ שמחה: — אַ זון איז אַ זון. ניט קיין באַליבטער זון, אָבער דאָך אייגן בלוט און פלייש — האָט מען זיך געפרייט.

די קעניגין האָט געקושט און געהאַלדזט פּרינץ טודאָרן. דער קעניג איז געשטאַנען אַ פריילעכער, אַ צופרידענער. יעדע ווײַלע איז עמעצער צוגעקומען צום פּרינץ און זיך באַגריסט. שניידערל איז געשטאַנען אָן אַ זייט. ער האָט געררוי־כערט זיין ליולקע און איז געווען צופרידן — אַזויפיל ליבשאַפט אַרום און אַרום, ס'איז גוט צו צוקוקן.

אָנגעהאַלדזט זיך, אָנגעקושט זיך. טוט דער קעניג אַ זאָג צום זון ווייזנדיק אויף שניידערל:

— און ווער איז אָט דער?

— אַ ייד ענטפערט דער פּרינץ.

— דו האָסט גאָר געבראַכט אַ יידן מיט זיך, מיין זון? ווייסטו ניט, אַז דער אַרציבישאָף נאַסיסיס, האָט באַפוילן, אַז קיין ייד טאָר זיך דאָ אין הויף ניט ווייזן? מיר האָבן פאַר יידן באַשטימט געוויסע שטעט, וואו זיי מעגן זיך אויפהאַלטן. אין די שטעט קאָנען זיי אויך ניט וואוינען אומעטום. מיר האָבן אָפּגעצאַמט פאַר זיי עטלעכע גאַסן, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער — אַ געטאָ רופן מיר עס — און זיי מוזן טראָגן געלע לאַטעס אויף די פּלייצעס — מיר זאָלן זען און ויסן, אַז זיי זיינען גאָטס פאַרשאָלטענע קינדער.

זעט דער פּרינץ, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, הייבט ער אָן באַקן איין ליגן נאָך דעם אַנדערן:

— דו זעסט פּאָטער, אָט דעם יידן ? ער האָט מיך געראַטע־וועט פון זיכערן טויט. צען רויבער זיינען מיך באַפאַלן און האָבן מיך געפאַנגען. איך האָב זיך געשטעלט קעגן זיי און איינעם גע־טייט. זיי האָבן אָבער מיך בייגעקומען און פאַרשפאַרט אין אַ הייל און מיך געוואָלט דערהרגענען. דאָרטן איז אויך געזעסן אָט דער ייד, שניידערל. די גזלנים האָבן אים געהאַלטן ביז זיי וועלן קריגן אויס־לייז־געלט. האָט ער צו זיי געזאָגט: — צו וואָס זאָלט איר טייטן אָט דעם יונגנמאַן ? בעסער האַלט אים אויך פאַר אויסלייז־געלט.

— וועסטו אים אויסלייזן ? — האָבן די רויבער געפרעגט.

— יאָ — האָט ער געענטפערט — און זיי באַלד געגעבן אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינט, און יענער האָט מיך אויסגעלייזט. איצט פאַרשטייט איר פאַרוואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך דעם יידן ?

— ס'איז טאַקע זייער שיין, וואָס דיין ייד האָט דיך געראַטע־וועט פון די רויבער — זאָגט דער קעניג. באַצאָל אים, באַלוין אים און שיק אים אַוועק. דערוויל דאַרף מען אָנגייען אויף אים אַ געלע לאַטע — אַ ייד איז אַ ייד — אַ גאָט־פאַרשאָלטענער.

— דער ייד בלייבט דאָ מיט מיר — ענטפערט דער פרינץ שאַרף אָבער רואיק — און איך וויל ניט קיין שאַנד־לאַטעס אויף די פליי־צעס פון מיינעם אַ פריינט. זאָגט נאָסיסין, אַז אָט דער ייד איז מיין שוץ־ייד. איך נעם אים אונטער מיין שוץ...

— ביסט געבליבן דער זעלביקער עקשן — זאָגט דער קעניג, — איך וויל זיך מיט דיר איצט ניט שפּאַרן, ביסט אַ גאַסט, אָבער נאָסיסיס וועט דיר ניט שווייגן.

— מירן זעען — ענטפערט דער זון.

דער פרינץ טודאָר האָט באַפוילן מען זאָל צוגרייטן פאַרן שניי־דערל אַ צימער, טאַקע אין פאַלאַץ און טאַקע לעבן זיינע אייגענע פרינצלעכע קאַמערן.

מען האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געפאָלגט.

אַ קעניגלעכער באַל

לויט דער מאָדע פון הויף איז, אַז ווען עמעצער פון דער קעניגלעכער פאַמיליע קומט צוריק פון אַ רייזע, מאַכט מען אַ באַל. האָט מען צוגעגרייט אַ באַל.

אַ באַל געדויערט איין נאַכט, אָבער גרייטן האָט מען זיך געגרייט פינף טעג. עס זיינען געקומען צום באַל אַלע גענע־ראַלן און אַמבאַסאַדאָרן, די הויף־לייט און די הויף־דאַמען. מען איז געווען אויסגעפוצט אין זייד און סאַמעט, אין גאָלד און בריל־יאַנטן, בענדער און שפּיצן, פעכער פון העלפאַנטביין און שטרויס פעדערן.

מוזיק און וויין. באַדינער אין בלויע מונדירן מיט גאָלדענע קנעפּ האָבן אַרומגעשוועבט איבערן גרויסן טאַנץ־זאַל און דערפילט יעדן איינעמס פאַרלאַנג.

אַ גרויסער זאַל. די יוגנט טאַנצט. אין צענטער פון זאַל איז אָפּגעצוימט אַ קרייז פאַרן קעניג און זיינע נאָענטסטע.

דער קעניג זיצט אָנגעלענט אויף זיין טראָן. פון דער רעכטער זייט זיצט פּרינץ טודאָר, פון דער לינקער זייט — דער יינגסטער זון און נאַסיסיס. דער קעניג קוקט אויפן פריילעכן עולם און איז צו־פרידן. אַלע ווײַלע טוט ער אַ זופּ פון זיין גאָלדענעם בעכער.

אַ זעלטענער בעכער

דער בעכער איז געווען אַן אַנטיקל. ער איז אויסגעהאַמערט געוואָרן פון גאָלד געמישט מיט פּלאַטינום און איז געווען באַזעצט מיט איידלשטיינער. אַרום יעדן גרויסן שטיין זיינען געווען פיגורן, אויסגעזעצט פון קליינע דימענטן, וואָס האָבן דערציילט פון דער מדינהס פאַרגאַנגנהייט. שוין פון דורות, אַז דער בעכער געפינט זיך אין הויף און דער קעניג האַלט אים זייער טייער.

זיצט דער קעניג אויף זיין טראָן. צו זיין רעכטער האָט פּרינץ

טודאָר, צו זיין לינקער האַנט דער יינגסטער קרוינפּרינץ, לעבן דעם יינגסטן קרוינפּרינץ דער גלח נאַסיסיס.

לעבן יעדן איינעם שטייט אַ באַדינער, לעבן פּרינץ טודאָר שטייט שניידערל און זעט, ווי די הויף־לייט באַגריסן זיך פריינטלעך מיטן יינגסטן קרוינפּרינץ און מיטן קעניג, אָבער קיינער גייט ניט צו צום פּרינץ. טודאָר זיצט אַ טרויעריקער, אַן עלנטער.

שניידערל זעט דאָס און עס פאַרדריסט אים. טוט ער אַ טראַכט און טוט אַ שמייכל.

ער היט אַלע באַוועגונגען פון דעם קעניג. אָט זעט ער, ווי דער קעניג פאַרקוקט זיך אויף אַ הויף־דאַמע, בייגט שניידערל זיך אַן איבערן טיש און טוט שנעל אַ שאַר מיט דער האַנט. קיינער האָט גאָר ניט באַמערקט.

מוזיק שפּילט, דער קעניג פאַרברענגט מיט דער דאַמע, אַ באַדינער שטייט הינטערן קעניג ווי אַן אָפּגעמאָלטער, דער גלח שושקעט זיך מיטן יינגסטן קרוינפּרינץ. שניידערל טוט אַ ריר מיטן פינגער פּרינץ טודאָרן און זאָגט:

— ס׳איז פאַרשוואונדן געוואָרן דעם קעניגס בעכער.

— וואָס מיינסטו — פאַרשוואונדן געוואָרן דעם קעניגס בע־כער? — פרעגט דער פּרינץ גאַנץ שטיל.

— צוגעגנבעט — ענטפערט שניידערל, און טוט אַ וואונק מיט אַן אויג.

דער פּרינץ וויל עס דערציילן דעם קעניג, זעט ער אָבער באַלד ווי דער קעניג שטרעקט אויס די האַנט צו נעמען דעם בעכער. די האַנט זוכט בלינד דעם בעכער, אָבער דער בעכער איז נישטאָ. טוט דער קעניג אַ קער דעם קאָפּ, טוט אַ קוק אויפן טיש, ניטאָ קיין בע־כער. ווערן זיינע אויגן גרויס פון איבעררעאַשונג.

— שטיל זאָל ווערן! — האָט דער קעניג אַ קאָמאַנדעווע גע־טאָן.

די מוזיק האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַלע זיינען געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט. דער קעניג האָט אַרויסגעדונערט: עס געפינט זיך דאָ צווישן אונדז אַ גנב! מען האָט נאָר וואָס צוגענומען מיין טייערן בעכער.

דאָס קלוגע שניידערל

דער גלח שעלט

אין זאַל איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל. עפּעס אַ קלייניקייט — דעם קעניגס בעכער האָט מען אַוועקגעגנבעט! קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס איז געשען. אין טומל האָט זיך שניידערל אויף אַ ווײַלע צוגערוקט נאָענט צום גלח, און דערנאָך צוריק אַוועק צום פּרינץ.

דער גלח האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איך, דער גלח נאָסיסים, דער הויפּט פון דער קירך, באַפעל דעם גנב, ער זאָל גלייך צוריקקערן צו זיין מאַיעסטעט דעם בעכער. איך באַפעל אין נאָמען פון גאָט. זאָל זיך דער גנב דערנענטערן צו מיר און זיך מודה זיין.

קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דער גלח האָט ווייטער גערעדט:

— דאָ פאַר אייך אַלעמען אין די אויגן פאַרשעלט איך דעם מענטשן, וואָס האַלט איצט ביי זיך דעם בעכער: זאָל זיין אָטעם קורץ ווערן. זאָלן זיינע הענט איינדאַרן, זאָלן זיינע אויגן אויסרינען!

קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— ס'איז דעם יידנס אַרבעט, האָט געזאָגט דער גלח, ער מוז האָבן ביי זיך דעם בעכער. ער האָט קיין מורא ניט פאַר קריסטלעכע קללות. מען דאַרף אים פאַרשפּאַרן אין תפיסה און פייניקן, וועט ער זיך מודה זיין.

— לאָזט דעם יידן צורו — האָט געזאָגט דער פּרינץ. איך וועל אייך ניט דערלויבן אים אָנצורירן. איר ווילט זוכן דעם בעכער, גוט, זוכט ביי אַלעמען און ביי דעם יידן אויך.

— גערעכט — זאָגט דער קעניג — מען קאָן גלאַט אין דער וועלט אַריין ניט באַשולדיקן קיין מענטשן. מירן זוכן ביי אַלעמען. זאָל יעדער איינער דורכגיין די טיר וואָס פירט פון טאַנץ־זאַל אין עס־זאַל. דער גלח און איך וועלן יעדן איינעם באַזוכן.

מען האָט אַזוי געטאָן.

דער גלח און דער קעניג האָבן יעדן איינעם אַרומגעטאַפּט.

אויפֿן שניידערל איז דאָך אָבער געפֿאַלן אַ גרעסערער חשד, האָט מען אים אַריינגענומען אין אַ באַזונדער צימער און אויסגעטאָן אָדם־נאַקעט. מען האָט דעם בעכער ביי אים ניט געפֿונען.

— פֿאַרפֿאַלן, מיין בעכער! האָט דער קעניג געזאָגט — דער גנבֿ איז צו קלוג.

דער באַל איז געענדיקט; טישן אָנגעוואָרפֿן מיט שפּייז, בענקלעך האַלב איבערגעקערט, פֿלעשלעך אונטערן טיש, גאָפּלען און מעסערס אויף שטולן. אַ רויטער וויין פֿלעק אויף אַ ווייס טישטוך. די באַדינער גייען אַרום מידע, ניט דערשלאָפֿענע און רייניקן דעם זאַל.

שניידערל האָט זיך געשאַרט אַ שלעפֿעריקער צו זיין צימער. ער האָט געזען ווי די טיר פֿון פּרינץ טודאָרס צימער איז אַביסל אָפֿן, איז ער אַריין. דער פּרינץ איז געזעסן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער האַנט, טיף פֿאַרטראַכט.

— איך האָב געוואַרט אויף דיר, האָט דער פּרינץ געזאָגט צום שניידערל.

שניידערל האָט ניט געענטפֿערט קיין וואָרט. ער האָט אַרויסגענומען דעם בעכער פֿון קעשענע און אים אָפּגעגעבן דעם פּרינץ.

— וואו האָסטו אים אויסבאַהאַלטן? — האָט דער פּרינץ געפֿרעגט פֿאַרוואונדערט, — מען האָט דאָך דיך אויסגעטאָן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

— האָסטו באַמערקט — האָט שניידערל געענטפֿערט געשמייכלט — אַז דער גלחס כאַלאַט האָט אַ באַשליק פֿון הינטן? איך האָב אַריינגעוואָרפֿן דעם בעכער צום גלח אין באַשליק. נאָכדעם ווי זיי האָבן מיך באַזוכט האָב איך אים צוריק אַרויסגענומען פֿון באַשליק.

— ס'איז אַ גוט שפּיצל — האָט דער פּרינץ געשמייכלט — ווען דער גלח האָט געשאָלטן דעם מענטשן, וואָס האָט ביי זיך דעם בעכער, האָט ער אים געהאַט ביי זיך אין באַשליק. ער האָט זיך אַליין געשאָלטן.

— יאָ ענטפֿערט שניידערל.

— נו, און וואָס וועסטו איצט טאָן מיטן בעכער? — פֿרעגט דער פּרינץ.

— האַלט אים דערווייל ביי זיך אין צימער, האָט געענטפערט שניידערל — ס׳איז ערשט אַן אָנהייב. וואַרט. די אמתע שפּיל הויבט זיך ערשט אָן.

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט.

אין זיבעטן הימל

געגנבעטע רענדלעך

דער קעניג האָט ניט פֿאַרגעסן דעם געגנבעטן בעכער. ער האָט זיך געשעמט פֿאַר זיך אַליין. פֿאַר אַלעמען אין די אויגן איז דער בעכער ניט געוואָרן. אָט ווי אין וואַסער אַריין.

— ס'איז ניט קיין פּראָסטער גנב — האָט דער קעניג געטראַכט, ער האָט עס ניט געגנבעט אויף צו פֿאַרקויפֿן. ער האָט געוואָלט דערמיט אָפּטאָן אַ שפּיצל. דאַרף מען אים זעען פֿאַקן מיט אַ שפּיצל. געטראַכט און צוגעטראַכט.

מען האָט אויסגערופֿן אין פּאַלאַץ:

— אין אַ וואָך אַרום וועט דער קעניג מאַכן אַ נייעם באַל. דער באַל איז אויסצופּרובירן דעם גנב. דער קעניג וועט צעלייגן אויפֿן דיל פֿון טאַנץ-זאַל הונדערט נייע גאָלדענע רענדלעך. ספּעציעלע שומרים וועלן אַרומגיין און אַכטונג געבן קיינער זאָל זיך ניט איינבויגן. זאָל דער גנב ווייזן אַ קונץ און צוגנבענען די רענדלעך ניט איינבויגנדיק זיך.

פּרינץ טודאָר איז געזעסן אין זיין צימער. שניידערל איז אַריין זייער שטיל און זיך געשטעלט לעבן טיר. דער פּרינץ איז געווען פֿאַרטיפֿט אין אַן אַלטן בוך און ניט באַמערקט שניידערלס אַריינקומען.

שניידערל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם אושאַק און אונטערגעברומט אַ לידל:

אוי געוואַלד אַ גנב.
מ'האָט דאָך מיך באַגנבעט.
פֿון דער פּאַן הייסע פּיש
און דעם לאָמפּ פֿון טיש.

זיבן העמדער
ווי די בעכער,
דריי מיט לאַטעס
פיר מיט לעכער.
אוי געוואַלד אַ גנב.
מ'האָט דאָך מיך באַגנבעט.

דער פּרינץ האָט זיך אַ קער געטאָן צו שניידערל און זיך צע־שמייכלט :

— אַ גנבים־לידל, קלוג שניידערל ?

— יאָ מיין פּרינץ.

— וואָס וועסטו זאָגן עפּעס גוטס ? — פרעגט דער פּרינץ.

— היינט אָוונט איז דער באַל — האָט געזאָגט שניידערל — ווען דו וועסט טאַנצן זאָלסטו זיך מיט אַמאָל דערמאָנען, אַז דיינע ווייסע הענטשקעס זיינען ניט אַזוי ריין. זאָלסט זיך דערמאָנען, אַז דו האָסט פאַרגעסן דיין גאָלדענע ציגאַרעטן־פּושקע. זאָלסט זיך דערמאָנען, אַז דו האָסט אַ ספּעציעלע פלאַש וויין, וואָס דו האָסט געבראַכט פון לייפּציק. זאָלסט זיך די אַלע זאַכן דערמאָנען און שיקן מיך זיי ברענגען.

— וויפיל מאָל זאָל איך דיך אַרומשיקן, מיין גרויסער גנב ?

— צען מאָל — ענטפערט שניידערל — צען מאָל וועט זיין גע־נוג. אין די צען מאָל וועל איך קאָנען אַוועקגנבענען אַלע רענדלעך.

— און דערנאָך ? — פרעגט דער פּרינץ.

— גאָר ניט, מיין האַר, ענטפערט שניידערל, דער גלח וועט שעלטן, דער קעניג וועט זיך כעסן... מיר ביידע וועלן לאַכן אין די הויפּנס.

— אָבער צוליב וואָס טוסטו דאָס ? — האָט דער פּרינץ גע־פרעגט.

— האָסט דאָך מיך געבראַכט אַהער פאַרמיאוסן דעם גלח ביי אַלעמען אין די אויגן. וואַרט, האָב געדולד — האָט שניידערל פאַמעלעך געענטפערט און איז אַרויס פון צימער.

די רענדלעך פאַרשווינדן

ווידער מוזיק און געזאַנג, טענץ און געלעכטער, וויין און שפּיל. אַלע האָבן געוואוסט פון די גאָלדענע רענדלעך. יעדער איינער האָט געהיט דעם צווייטן. טאַנץ נאָך טאַנץ, שפּיל נאָך שפּיל. די נאַכט רוקט זיך. אָט איז שוין האַלבע נאַכט, די ליכט זיינען שוין האַלב אויסגעברענטע. אָט האָט שוין דער צווייטער האָן געקרייט. די ליכט האַלטן זיך ביים לעשן זיך. קיינער האָט זיך ניט איינגעבויגן אויפצוהייבן די גאָלדענע רענדלעך. דער קעניג האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— ווי איר אַלע האָט געזען האָט זיך קיינער ניט איינגעבויגן אויפצוהייבן די רענדלעך. דער גנב האָט ניט דערטראַכט קיין שפּיצל, איך זע איצט, אַז ער איז אַ פּראָסטער גנב. דינער, ברענגט אַריין ליכט און קלייבט צונויף די רענדלעך! מירן זיך שוין אָפּרעכענען מיטן גנב. עס וועט ניט זיין אַזוי שווער אים צו כאַפּן. ער איז דאָך אַ פּראָסטער גנב.

די דינער האָבן אַריינגעבראַכט פרישע ליכט. ס'איז געוואָרן ליכטיק. זיי האָבן זיך איינגעבויגן צונויפקלייבן די רענדלעך — אָבער עס איז ניט געווען קיין סימן פון קיין גאָלדענע מטבעות.

דער עולם איז געבליבן פאַרשטיינערט. דער קעניג אָבער איז באַלד געקומען צו זיך, ער האָט אויסגערופן און געזאָגט:

— איך גיב צו, אַז די גנב איז אַ קלוגער, ער האָט אונדז אַלעמען איבערגעקליגט.

— ניט איבערגעקליגט, מיין האַר — האָט דער גלח געזאָגט, — נאָר אָפּגענאַרט...

— נאַראָנים נאַרט מען אָפּ, און די קלוגע קליגט מען איבער, — האָט דער קעניג געזאָגט מיט אַ שמייכל — ס'איז די זעלביקע זאַך. דער גנב איז קלוג, זאָג איך. אָבער איך וועל אים אויספּרובירן נאָכאַמאָל. כ'וועל מאַכן אַ באַל און וועל אָנטאָן אויף דער פּרינצעסן דעם דיאַדעם, וואָס דער שאַך פון פּערסיע האָט מיר געשיקט. זאָל דער גנב וויזן אַ קונץ און אים צוגנבענען.

קיינער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.

פרינץ טודאָר איז אַריין צו זיך אין צימער. שניידערל איז גע־זעסן אָן שיך און די גאָלדענע מטבעות זיינען געלעגן אויפן טיש אין פיר שיינע קופקעס.

— וואו זיינען דיינע שיך — האָט דער פרינץ געפרעגט ?

— נאָס פון שאָבן און רייניקן — האָט שניידערל געזאָגט.

— וואָס האָסטו מיט אַמאָל עפּעס געדאַרפט זיי שאָבן און רייניקן ?

— אַראָפּנעמען די סמאָלע פון די פּאָדעשוועס — האָט שניי־דערל געענטפערט. — איך האָב זיך ניט געטאָרט איינבויגן, פאַר־שטייסטו מיך, האָב איך אָנגעשמירט די פּאָדעשוועס מיט שמאָלע און — — —

— דערפאַר האָסטו געוואָלט אַז איך זאָל דיך שיקן הין און צו־ריק ?

— יאָ — האָט געענטפערט שניידערל.

— אַזאַ איינפאַכער איינפאַל — האָט געזאָגט דער פרינץ.

— נאָכדעם ווי עס געלינגט, איז אַלץ איינפאַך — האָט געענט־פערט שניידערל. איצט באַהאַלט די גאָלדענע מטבעות. ס'איז שפּעט, מען דאַרף גיין שלאָפן. דער קעניג מאַכט דאָך נאָך אַ פיינעם באַל. איך דאַרף זיך גוט אויסשלאָפן.

— אַ גוטע נאַכט.

אַ בין און אַ שטיקל קרייד

א נייער באַל. דער זאַל איז ווידער טונקל באַלויכטן. מוזיק שפּילט. פּאָרלעך טאַנצן. די פרינצעסן האָט מען אַרויפּ־געזעצט אויף אַ טראָן. אַרום איר, הויף דאַמעס. זי איז אָנ־געטאָן אין אַ לאַנג ווייס זיידן קלייד מיט קורצע אַרבל און אַ שטאַרק אַנטבלויזטן האַלדז. אויפן האַלדז אַ לאַנג שנירל פערל, אויפן שטערן דער דיאַדעם.

דער קעניג זיצט זיך אויף זיין טראָן און שמייכלט : דער גנב וועט זיך שוין היינט ניט אַרויסדרייען. זאָל אים אַפילו געלינגען אַראָפּכאַפּן דעם דיאַדעם, וועט ער זיך ניט אַרויסדרייען. מען וועט

אים שוין דערקאָנען אָט דאָ צווישן אַלע געסט. ס'וועט זיין אויף אים אַ צייכן.

אָבער שניידערל איז פּאַרזיכטיק, ער איילט זיך ניט. שוין באַלד וועט די מוזיק שפּילן דעם לעצטן טאַנץ — און דער דיאַדעם איז נאָך אַלץ אויף דער פּרינצעסן.

שניידערל שלייכט זיך אַרום איבערן זאַל. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער פּרינצעסן, האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליין הילצערן שאַכטעלע. אין שאַכטל זיינען געווען צוויי בינען. ער האָט זיי אַרויסגעלאָזט אויף דער פּרינצעסנס נאַקעטער פּלייצע. די פּרינצעסן האָט באַלד דערפילט ווי עפּעס קריכט אויף איר פּליי-צע. זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם פון שרעק. מיט אַמאָל האָט זי געגעבן אַ שאַרפן קוויטש. די בין האָט איר אַ שטאָך געטאָן.

ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ געלאַף. אַלע האָבן זיך אָנגעהייבן שטופּן צו דער פּרינצעסן. שניידערל איז אין מיטן. אין טומל האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם דיאַדעם. די פּרינצעסן האָט דערפילט ווי אַ האַנט האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טייערן דיאַדעם, האָט זי שנעל מיט אַ שטיקל רויטן קרייד אַ קרייץ געטאָן איבער שניידערלס פּלייצע.

דאָס קלוגע שניידערל האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט אַ ריס געטאָן דאָס שטיקל קרייד פון דער פּרינ-צעסנס האַנט, און שטילערהייט גענומען אַלעמען קרייצן איבער די פּלייצעס.

דער טומל האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט. די פּרינצעסן האָט געכליפּעט: ער האָט צוגעגנבעט מיין דיאַדעם, מיין טייערער דיאַ-דעם איז פאַרלאָרן...

— וויין ניט — האָט דער קעניג געזאָגט — מירן באַלד אויס-געפינען ווער עס האָט אים געגנבעט.

דער קעניג האָט געגעבן אַ באַפעל: — זאָלן אַלע זיך שטעלן מיט די פּנימער צו דער וואַנט. מירן זען ווער עס האָט אַ רויטן קרייץ אויף דער פּליצע — יענער איז דער גנב.

די געסט און דינער האָבן זיך געשטעלט מיט די פּנימער צו דער וואַנט. צום קעניגס דערשטוינונג האָבן כמעט אַלע געסט גע-האַט רויטע קרייצן אויף די פּלייצעס.

פאַרפאַלן, ער האָט אונדז ווידער איבערגעקליגט — האָט דער קעניג געזאָגט.

— און איך זאָג — האָט דער גלח געשטורעמט — אַז עס איז דעם יידנס אַרבעט. דאָס האָט אים דער פּרינץ אָנגערעדט. מען דאַרף פאַרשפּאַרן דעם יידן אין תפיסה און אים פּייניקן ביז ער וועט זיך מודה זיין. עס וועט אויך זיין אַ גוטע שטראָף פאַרן פּרינץ, וואָס האָט געבראַכט צו אונדז אין הויף אַ יידן.

— פאַרגעסט ניט, אַז דער פּרינץ איז מיין זון — האָט דער קעניג געזאָגט. — איך גלויב אויך, אַז דער ייד האָט עס געטאָן. ער איז אָבער ניט קיין גנב, ער האָט עס ניט געגנבעט צוליב געלט. ער האָט אונדז נאָר געוויזן זיין חכמה. כ׳גיב צו, אַז ער איז קליגער פאַר אונדז. און אָט דאָ פאַר אַלעמען אין די אויגן פּראָקלאַמיר איך, אַז איך פאַרגיב דעם גנב אויב ער וועט אונדז דערציילן ווי אַזוי ער האָט אונדז אָפּגענאַרט.

— קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף דיין טאַטנס וואָרט? — האָט שניידערל שטיל געפרעגט דעם פּרינץ.

— אַוואַדע, האָט פּרינץ טודאָר געענטפערט.

שניידערל איז צוגעגאַנגען צום קעניג און האָט זיך מודה געווען אין אַלץ. ער האָט דערציילט ווי אַזוי ער האָט אָפּגעטאָן די אַלע שפּיצלעך. און טאַקע דאָ אויפן פּלאַץ האָט ער אַרויסגענומען דעם בעכער, די גאָלדענע מטבעות און דעם דיאַדעם און זיי אַוועקגעלייגט פאַרן קעניג.

אַלע האָבן געלאַכט. דער גלח אָבער איז געווען פול מיט רציחה. זיין פּנים איז געוואָרן רויט, די נאָז בלאָס און ער האָט אַרויסגערעדט:

— איך האָב באַלד געזאָגט, אַז עס איז דעם יידנס אַרבעט. מיך האָט מען ניט אָפּגענאַרט.

— אַזאַ קלוגער איז ער? — האָט שניידער געשפּאַסט.

— אַוואַדע אַ קלוגער — האָט דער גלח געזאָגט — פאַר מיר זיינען ניטאָ קיין באַהאַלטענע זאַכן. איך זע אַלץ מיט דער הילף פון די הייליקע פון דער קירך.

— מיין האַר, קעניג, — האָט שניידערל געזאָגט — דער גלח

האַלט זיך פאַר זייער קלוג. איך וואָלט געבעטן, מען זאָל אין אַ וואָך אַרום מאַכן אַ נייעם באַל, אויף דעם באַל, זאָג איך צו, אַז איך וועל ברענגען דעם גלח פאַרבונדן אין אַ זאַק. פאַרפאַקט און פאַרבונדן. איך וועל אים אַוועקלייגן אָט דאָ אויפן טיש.

— אַדרבה, ווייז אַזאַ קונץ — האָט דער קעניג געזאָגט.

— גוט, לאָמיר זעען, צי ער קאָן מיך איבערקליגן — האָט דער גלח גערעדט כלומרשט רואיק, — לאָמיר זעען. געדענק אָבער, שניידערל, נאָך דעם באַל, אַז דו וועסט דיינס ניט אויספירן וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען. געדענק־זשע !

— אַוואַדע וועל איך געדענקען — האָט געענטפערט שניידערל, — איצט געדענק דו, אַז איך זאָג צו, דיך ברענגען אַהער אין אַ וואָך אַרום אויפן באַל, פאַרפאַקט און פאַרבונדן אין אַ זאַק. איצט איז שפּעט. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט. אין אַ וואָך אַרום זעען מיר זיך — האָט דער קעניג געזאָגט.

— איך האַלט וואָרט — האָט דאָס קלוגע שניידערל געענטפערט — און איז אַרויס פון זאַל.

נאַסיסיס פאַרזיכטיקייט

אין פאַלאַץ האָט זיך נאַסיסיס געהאַלטן שטאָלץ און מוטיק, אָבער ווען ער איז געקומען אַהיים איז ער געווען גוט דערשראָקן. שניידערל האָט גערעדט צו זיכער. ער קאָן נאָך אים טאַקע אַריינגאַרן אין זאַק אַריין.

— נאַרישקייטן — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט, — וואָס האָב איך מורא ? ווי קאָן ער מיך פאַרפאַקן אין אַ זאַק ? איך וועל זיך ניט לאָזן און פאַרטיק.

באַלד אָבער איז ער ווידער געוואָרן אומרואיק : ער קאָן נאָך מיך אַריינגאַרן אין זאַק און איך זאָל ניט וויסן ! דאָס בעסטע איז אים גאָר ניט אַריינלאָזן אין קירך. אָנזאָגן די מאָנאַכן ניט צוצולאָזן קיין יידן. און ביינאַכט אָפּלאָזן פון די קייטן די זעקס בלוטהינט. אַז ער וועט ניט קאָנען צוקומען צו דער קירך, ווי אַזוי וועט ער מיך קאָנען אַריינגאַרן אין זאַק ?

האָט דער גלח נאַסיסיס טאַקע אַזוי געטאָן.

ער האָט אָנגעשטעלט וועכטער מיט גראָבע שטעקנס און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן ניט צולאָזן דאָס שניידערל צו דער קירך. ביינאַכט האָט ער פון די קייטן אָפּגעלאָזן די יאַגד הינט.

דעם גלחס הויז איז געווען צוגעבויט גלייך צו דער קירך, ס'איז אפילו געווען אַ טיר פון הויז צו דער קירך. האָט נאַסיסיס באַפוילן אַ מאָנאַך זאָל שטיין אין קאָרידאָר, וואָס פירט פון הויז אין קירך. ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אים מעלדן באַלד ווי ער וועט נאָר הערן דעם מינדסטן שאָרך.

דער גלח נאַסיסיס איז געשלאָפן רואיק ביינאַכט. נאַרישקייטן, ער איז זיכער, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן.

די נאַכט פאַרן באַל האָט דאָס קלוגע שניידערל שטיל זיך צוגעגנבעט צום טויער פון קלויסטער הויף און אויפגעבראָכן דעם שלאָס. אויף די פלייצעס האָט ער געטראָגן אַ שווערן פאַרבונדענעם זאַק. ווי נאָר ער האָט אויפגעבראָכן דעם שלאָס האָט ער אָפּגעבונדן דעם זאַק, געעפנט דעם טויער. פון זאַק זיינען אַרויסגעשפרונגען זיבן האָזן. די לבנה האָט געשיינט און פאַרשפרייט אַ בלאַס ליכט איבערן הויף. די יאַגד־הינט האָבן דערזעען די האָזן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי. דאָס טויער איז געווען אָפן, זיינען די האָזן אַנטלאָפן, די הינט נאָך זיי. דער הויף איז געבליבן ניט באַוואַכט. שניידערל איז אַריין אין הויף, פאַרשלאָסן דעם טויער הינטער זיך און זיך געלאָזן צו דער קירך. ער איז אַריין אין קלויסטער מיטן ליידיקן זאַק אונטערן אָרעם.

מלאכים פליען

שטיל, זייער שטיל, איז געווען אין קלויסטער. איין אויל לעמפּל האָט געברענט לעבן אַ גרויסער סטאַטוע פון יעזוסן. שניידערל האָט אַוועקגעשטופּט די סטאַטוע אָן אַ זייט. פון אונטער זיין ראָק האָט ער אַרויסגענומען אַ לאַנגן ווייסן קיטל און אים אַריבערגעצויגן איבער זיינע קליידער. פון זיינע ברייטע קעשענעס האָט ער אַרויסגענומען זיבן געבונדענע

טויבן און זיבן וועקסענע ליכטלעך. ער האָט אָפּגעבונדן די טויבן, צוגעקלעפּט די ליכטלעך אויף די רוקנס פון די טויבן, אָנגעצונדן די ליכטלעך און געלאָזן די טויבן פליען. אַליין האָט ער זיך געשטעלט אויף יעזוסעס פּלאַץ. איבערגעקרייצט די הענט און געבליבן שטיין מיט אַ פרומער מינע. פאַרגליווערט.

אין יענער נאַכט פאַרן באַל איז דער גלח נאַסיסיס געוווען אויף. ער האָט ניט געקענט שלאָפן. היינט ערשט איז צוריקגעקומען דער שליח, וואָס ער האָט געשיקט קיין לייפּציק. דער שליח איז צוריקגעקומען מיט גאָר ניט קיין פריילעכע נייעס. זיי האַלטן דאָרט פון שניידערל אַ וועלט. נאַסיסיס איז געוואָרן אומרואיק. ער האָט צו זיך מיטגענומען נאָך אַ מאָנאַך פאַר אַ שומר. שפּרייזט איין היטער אין קאָרידאָר הין און צוריק און לעבן נאַסיסיסן זיצט דער מאָנאַך און לייענט אים פאָר פון די הייליקע ספרים.

לייענט דער מאָנאַך. ס׳איז שטיל אין צימער, אין קלויסטער און אין הויף. נאָר דעם מאָנאַכס קול הערט זיך קלאָר און שאַרף. נאַסיסיס הערט האַלב דרעמלענדיק. מיט אַמאָל האָט דער מאָנאַך אָפּגעהאַקט זיין לייענען. עס האָט זיך דערהערט אַ מאָדנער גערויש פון קלויסטער. נאַסיסיס און דער מאָנאַך האָבן קלאָר געהערט אַ רויש פון פליגלען.

— וואָס איז דאָס?

— גיי — זאָגט נאַסיסיס צום מאָנאַך — און גיב אַ קוק וואָס עס טוט זיך אין קלויסטער. גיי אַליין, לאָז דעם וועכטער אין קאָרידאָר און לאָז מיין טיר אָפן, אַז דער וועכטער זאָל אַכטונג געבן אויף מיר.

דער מאָנאַך פאָלגט. אָבער עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן.

ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און דער מאָנאַך איז אַריינגעלאָפן אַ בלייכער, אַ צעשראָקענער, געפאַלן צו די פיס פון נאַסיסיסן און אויסגערופן:

— הייליקער פאָטער, מלאכים פליען אַרום אין קלויסטער.

— וואָס פליען אַרום אין קלויסטער? — האָט נאַסיסיס געפרעגט אויפגערעגט.

— מלאכים, מיין האַר, מלאכים. זיי שיינען ווי שטערן אין

הימל. אונדזער האַר גאָט, יעזוסן, האָב איך געזען אַ לעבעדיקן. ער האָט גערעדט צו מיר. איך בין שיר ניט געשטאָרבן פון שרעק.
— וואָס האָט ער דיר געזאָגט ?
—ער האָט מיר געזאָגט : גיי צום הייליקן פּאָטער נאַסיסיס און זאָג אים, אַז איך האָב אַראָפּגעגנידערט פון מיין גאָלדענעם שטול נעמען אים צו זיך. אַ לעבעדיקער וועט דער הייליקער פּאָטער אַרויף אויפן הימל. פּונקט ווי אליהו.
— און וואָס האָסטו אים געענטפערט ? — האָט נאַסיסיס געפרעגט.
— גאָר ניט מיין האַר, גאָר ניט. מיין צונג איז מיר שווער געוואָרן אין מויל און איך בין געלאָפן אָנזאָגן דיר, מיין האַר.
— גוט געטאָן — האָט נאַסיסיס געענטפערט — גוט געטאָן. דערלאַנג מיר מיינע גאָלדענע ריזעס.
נאַסיסיס האָט אָנגעטאָן זיינע באַגילדטע קליידער און אַריין אין קלויסטער. ס'איז שטיל און טונקל אין קלויסטער. נאָר לעבן יעזוסן האָט געברענט דאָס קליינע אויל לעמפּל און פייערלעך — מלאכים — זיינען אַרומגעפלויגן אונטערן סטעליע.
נאַסיסיס איז געפאַלן אויף די קני און זיך געבוקט.
און די יעזוס סטאַטוע האָט אָנגעהויבן ריידן :
— דערנענטער זיך, מיין זון, צו מיר און הער מיינע רייד : איך האָב אַראָפּגעקוקט פון הימל און געזען די ריינקייט פון דיין האַרץ און איך האָב געזאָגט : צווישן אַלע מענטשן־קינדער האָב איך געפונען נאָר איינעם, וואָס איז מיט אַן אמת גאָטספאָרכטיק. האָב איך געזאָגט : דו ביסט פרום ווי אליהו דער נביא אין זיין צייט. ער איז אַרויף אַ לעבעדיקער אויפן הימל, דו דאַרפסט אויך אַרויף אַ לעבעדיקער אויפן הימל. בין איך געקומען דיך נעמען צו זיך. ביסטו גרייט מיין זון ?
—איך בין גרייט, מיין האַר — האָט געענטפערט נאַסיסיס.
— געדענק אָבער, מיין זון — האָט די יעזוס סטאַטוע גערעדט — דער וועג איז אַ שווערער. דו וועסט דאַרפן זיין טעג אָן עסן און אָן טרינקען. דו וועסט דאַרפן אויסשטיין אַ סך יסורים איידער דו וועסט אַרויפקומען אויפן זיבעטן הימל. די מלאכים ווילן ניט ליידן,

אַז אַ מענטש פון בלוט און פליייש זאָל מיט זיי זיין אויפן הימל. זיי וועלן דיך וועלן שעדיקן. אויב אַ מלאך וועט דיך אָנרירן מיטן שפּיץ פון זיין פליגל וועט פון דיר ווערן אַש. און איך וויל דו זאָלסט זיין אויפן הימל און זאָלסט זעען מיין גרויסקייט, כדי דו זאָלסט נאָכדעם אַראָפּנידערן צוריק אויף דער ערד און דערציילן די זינדיקע מענטשן מיינע וואונדער. הערסטו מיינע רייד, מיין זון?

דער גלח האָט זיך געבוקט און געקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דיל: איך הער, מיין האַר! איך הער, מיין האַר!

— דערפאַר וועל איך דיך אויסבאַהאַלטן פון די מלאכים — האָט יעזוס ווייטער גערעדט. — איך וועל דיר פאַרבינדן די אויגן, דו זאָלסט גאָרנישט ניט זעען אַרום דיר און זאָלסט ניט בלינד ווערן פון דער גרויסער ליכטיקייט, וואָס וועט זיין אַרום דיר. כ'וועל דיר פאַרבינדן דאָס מויל, זאָלסט ניט שרייען טאָמער וועט דיר עפּעס וויי טאָן. איך וועל דיר בינדן הענט און פיס, אַרומוויקלען דיך מיט אַ ווייס טוך. דו וועסט ליגן שטיל, ניט רירן מיט אַ האַנט, אַ פוס, וועלן די מלאכים ניט וויסן וואָס איך טראָג... ביסטו גרייט, מיין זון?

— איך בין גרייט, מיין האַר, איך בין גרייט!

און שניידערל האָט געבונדן דעם גלח הענט און פיס, פאַרבונדן אים די אויגן און דאָס מויל, און פאַרפּאַקט אין אַ זאַק.

שטייט שניידערל און ווישט דעם שוויס פון שטערן. אָוואַ — אַ שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן. אָבער ווי אַזוי ברענגט מען אים צום וואָגן? ווער קאָן דאָס טראָגן אַזאַ אָנגעפּאַקטן פעמפּיק אויף די פּלייצעס? — נו, מען דאַרף אים פּראָסט שלעפּן — זאָגט שניידערל צו זיך — און נעמט אָן דעם זאַק, און שלעפּט אים איבערן דיל. קומט ער צו דער שוועל, צעקלאַפּט זיך דער גלחס קאָפּ אַזוי שטאַרק, אַז דער גלח טוט אַ קרעכץ. הערט שניידערל דעם קרעכץ און דערשרעקט זיך: מען קאָן נאָך דערהערן. זאָגט ער צום גלח: שטילער, מיין זון, שטילער, די מלאכים קאָנען נאָך דערהערן! דו ביסט איצט אין ערשטן הימל.

דער גלח פאַרבייסט מיט די ליפּן און שוויגט. שלעפּט אים שניידערל ווייטער און קומט צום טויער, פאַרעט זיך, פאַרעט זיך און עפנט דעם טויער. שלעפּט ער דעם זאַק, און דער גלח פאַרטשע־

פּעט זיך אָן שפּיץ טויער. טוט ער ווידער אַ קרעכץ פון ווייטיק. זאָגט שניידערל:

— שטילער, שטילער, מיין זון, ביסט אין צווייטן הימל.

אַזוי האָט שניידערל ווי עס איז דערשלעפּט דעם זאַק צום וואָגן, אַרויפגעוואָרפן און אַוועקגעפאָרן.

פאָרן זיי, און שניידערל זאָגט רואיק: דו פלייסט, מיין זון, ווי דו פליסט? דאָס זיינען מיר שוין באַלד אין פינפטן הימל.

פאָרן זיי צו צו פרינץ טודאָרס פּאַלאַץ. שניידערל באַפעלט צוויי דינער:

— נעמט דעם זאַק און לייגט אים אַוועק אונטערן בעט!

די דינער האָבן געפאָלגט און אַוועקגעשטעלט דעם זאַק אונ־טערן בעט. ווען זיי זיינען אַוועק, האָט שניידערל געזאָגט שטיל צום גלח:

— שטילער פון שטיל זאָלסטו ליגן. איצט ביסטו אין זעקסטן הימל. דו דאַרפסט זיין פאָרזיכטיק קיינער זאָל דיך ניט באַמערקן. דאָ אין דער פינצטער, אָן שפּייז, אָן וואַסער וועסטו מוזן ליגן אַ גאַנצן טאָג. אין אָוונט וועסטו דערהערן מוזיק. איך וועל יעמאָלט קומען און דיך אַרויפנעמען אויפן זיבעטן הימל.

אויפן זיבעטן הימל

געזאַנג, מוזיק, טענץ, און ווייַן — אַ נייער קייסערלעכער באַל.
דער עולם טאַנצט און פרייט זיך. קיינער דערמאָנט ניט דעם גלח. אָבער אַלע געמיטער זיינען געשפּאַנט.

— וועט ער אים ברענגען פאַרפּאַקט און פאַרבונדן אין אַ זאַק?

— דער גלח איז ניטאָ. שושקעט זיך דער עולם — איר זעט? דער גלח איז ניטאָ, וואו איז ער?

— דער מאָנאַך, וואָס באַדינט נאַסיסן, האָט געזאָגט, אַז ער איז אויפן הימל — זאָגט איינער.

— יאָ, יעזוס האָט זיך צו אים באַוויזן נעכטן ביינאַכט און אים אַרויפגענומען אויפן הימל — זאָגט אַן אַנדערער — דער מאָנאַך האָט געשוואָרן, אַז מיט זיינע אייגענע אויגן האָט ער געזען יעזוסן.

געהערט אים ריידן און געזען ווי מלאכים זיינען אַרומגעפלויגן אין קלויסטער.

— מירן באַלד זעען — האָבן אַלע געזאָגט. — אָט קלאַפט דער זייגער צוועלף.

צו דער סעקונדע האָט שניידערל געבראַכט צושלעפן אַ זאַק. ער האָט באַפוילן צוויי דינער זיי זאָלן אַרויפלייגן דעם זאַק אויפן טיש. פאַמעלעך האָט ער פאַנאַנדערגעבונדן דעם זאַק און געזאָגט צום קעניג:

— אָט איז נאַסיסים, פאַרפאַקט און פאַרבונדן, ווי איך האָב אייך צוגעזאָגט. ער מיינט נעבעך אַז ער איז אויפן זיבעטן הימל.

מען האָט געעפנט דעם זאַק, אָפגעבונדן דעם גלח די הענט און די פיס, אַראָפגענומען די טיכלעך פון מויל און אויגן. נאַסיסים איז געבליבן שטיין און געזשמורעט די אויגן: וואו געפין איך זיך?

— אויפן זיבעטן הימל — האָט שניידערל געשפאַסט.

דער גלח האָט זיך אַרומגעקוקט און באַלד פאַרשטאַנען, אַז שניידערל האָט אים אַריינגענאַרט. ער האָט געעפנט דאָס מויל עפעס זאָגן — אָבער די חרפה און די בושה זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געפילט, ווי עפעס שפאַרט אים אונטערן האַרצן. דער־צו איז ער נאָך געווען הונגעריק און דורשטיק און דער גאַנצער קערפער האָט אים וויי געטאָן — ער איז דאָך געלעגן אַ לאַנגן טאָג מיט די פיס און הענט צונויפגעפרעסט — האָט ער פאַרוואָרפן מיט קאָפ און געפאַלן אין חלשות.

די באַדינער האָבן אים אָפגעמינטערט און אַוועקגעטראָגן אַהיים. דער גלח איז געקומען צו זיך, אָבער ער האָט זיך געשעמט ווייזן אין פאַלאַץ. שטיל האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט פון זיין הויז און איז אַנטלאָפן פון טודאָרס מדינה, וואוהין זיינע אויגן האָבן אים געטראָגן.

אַ ה י י ם

פרינץ טודאָר האָט זיך שטאַרק געפרייט וואָס ער איז פטור געוואָרן פון גלח. האָט ער געזאָגט צום שניידערל:

— זאָג נאָר וואָס דו פאַרלאַנגסט, שניידערל, און איך וועל עס גלייך דערפילן.

שניידערל האָט געענטפערט: נעם אַראָפּ די שרעקלעכע גזירות, וואָס דער גלח נאַסיסים האָט אַרויפגעלייגט אויף מיינע ברידער די יידן.

— גוט. איך וועל אָפּשאַפן די גזירות — האָט געזאָגט פרינץ טודאָר — אָבער וואָס ווילסטו פאַר דיר אַליין?

— גאָר ניט, לאָז מיך פאָרן אַהיים — האָט געענטפערט שניידערל.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו וועלסט בלייבן מיט מיר. מיין פאָטער איז אַלט. באַלד וועל איך איבערנעמען דעם טראָן און וועל דיך מאַכן פאַר מיין הויפּט מיניסטער.

— לאָז מיך בעסער פאָרן צו מיין ווייב און קינדער, האָט געזאָגט שניידערל. איך בין ניט געוואוינט צו זיין אין קייסערלעכע הייפן. לאָז מיך פאָרן אַהיים.

— גוט, איך וועל דיר געבן באַגלייטער, אַ פּאָר צענדליק סאָלדאַטן. זיי וועלן דיך באַגלייטן מיט פּאַראַד ביז דיין לאַנד — האָט געזאָגט דער פּרינץ.

— מען דאַרף ניט — האָט געענטפערט שניידערל — אַז צען סאָלדאַטן וועלן מיך באַגלייטן, וועט מען דאָך מיינען, אַז איך פיר מיט זיך גאָלד און בריליאַנטן. קאָנען נאָך אויף די צען סאָלדאַטן אָנפאַלן צוואַנציק רויבער. אָבער אַז איך וועל גיין אַליין, וועט מען מיך לאָזן צורו. ווער וועט עס אָנרירן אַן אָרעמען שניידערל?

— ביסט ווייטער גערעכט — האָט געענטפערט דער פּרינץ,

— גוט. איך לאָז דיך אָפּ, מעגסט גיין וואוהין דו ווילסט.

און שניידערל האָט גענומען זיין קלומעקל, פאַרוואָרפן עס אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזן מיטן ברייטן שליאַך אַהיים.

אַ באַגעגעניש

שמערל נאַר

שניידערל האָט פאַרלאָזן דעם קעניגס פאַלאַץ און איז געגאַנגען אַהיים. ער איז דורכגעגאַנגען לענדער, געפאָרן איבער טייכן, געקראָכן אויף בערג, אָבער צו זיין היים איז נאָך אַלץ געווען ווייט. ער איז אַריבערגעגאַנגען דעם טייך „רהיין" און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איז ער אָנגעקומען צום טייך ניעמאַן, אין דעם לאַנד פון די ליטווינער. דאָס לאַנד איז זייער וואַלדיק, און דער שליאַך ציט זיך צווישן הייכע סאָסנע ביימער.

גייט דאָס קלוגע שניידערל מיטן פעקל אויף די פלייצעס, די פיפקע אין מויל, און ברומט אַ ניגונדל. ס'איז אַ זומער־טאָג, די זון שיינט, קיין ווינטל בלאָזט ניט און ס'איז וואַרעם אַפילו אויפן שאָטנדיקן שליאַך. פאַרווילט זיך דעם שניידערל אָפצורוען. נעמט ער אַראָפּ דאָס קלומעקל פון די פלייצעס, ציט אַראָפּ די שטיוול פון די מידע פיס און לייגט זיך אונטער שאָטן פון אַ בוים. שניידערל איז מיד פון וועג, שלאָפט ער באַלד איין.

אַ פּאָר שפּעטער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און דערזען: אַ באַוואַקסענער אָרעמאַן, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, זיצט האַרט לעבן בוים. אַ מאָדנער ייד, ער האָט אַפילו ניט אַראָפּגענומען דאָס פעקל פון די פלייצעס. זיצט אַזוי מיט דעם קלומעק אויף זיך, אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט און דרעמלט, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אָן בוים.

שניידערל טוט אָן די שטיוול, טוט אַ וויש די הענט אָן גראָז — כלומרשט געוואַשן די הענט — טוט אַ טאָרע דעם אָרעמאַן און זאָגט:

— שלום עליכם, רעב ייד, ווי רופט מען אייך ?

כאַפּט זיך אויף דער אָרעמאַן, טוט אַקוק אויפן שניידערל און ענטפערט רואיק :

— שמערל נאַר.

— שמערל נאַר ? עפּעס געהערט וועגן אייך. איר זייט דאָס געווען דער פרעמדער, וואָס האָט געפרעגט מאָרדימען די פראַגע, וואָס ער האָט ניט געוואוסט צו ענטפערן אויף איר ? איר האָט אויך געראַטעוועט איגדאַלן, ניט אמת ?

שאָקלט שמערל נאַר מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— און פון וואַנען קומט אַ ייד ? — פרעגט שניידערל.

— פון דניעפּער ענטפערט שמערל נאַר שטיל — אַנטלאָפן.

— אַנטלאָפן ? — וואונדערט זיך דאָס שניידערל.

— אַנטלאָפן — רעדט שמערל נאַר רואיק און טרויעריק, — אַ סך בלוט איז דאָרט פאַרגאָסן געוואָרן. פריער האָבן די קאָזאָקן געהרגעט יידן און פּאָליאַקן. דערנאָך איז געקומען אַ פּויי־לישער גענעראַל און געהרגעט קאָזאַקן. איך בין געגאַנגען פון די יידן צו די קאָזאַקן, פון די קאָזאַקן צו די יידן געטראָגן אַ פּאַפּיר. צוליב מיר האָט מען פאַרגאָסן נאָך מער בלוט. אָבער איך ווייס ניט אַקוראַט. איך בין אַנטלאָפן, איך האָב עס ניט געקאָנט צוזען...

— איר ווייסט אַליין ניט, וואָס איר האָט דאָרט געטאָן ? — פרעגט שניידערל.

— איך ווייס ניט. איך האָב באַגעגנט אַ בעטלער, אַ קרומען אויף אַ פוס, מיט אַ רויטער באָרד איז ער געווען, האָט דער בעט־לער געזונגען און מיר אָנגעזאָגט :

שמערל נאַר דאַרף גיין,
גיין, זעען און שווייגן,
מוז האָבן אויגן פון גלאָז
און אַ האַרץ פון אייזן.

— איז וואָס האָט איר געטאָן ? — האָט געפרעגט שניידערל.

— איך ווייס ניט — ענטפערט שמערל נאַר.
— און ווער איז דער אַלטער בעטלער ?
— איך ווייס ניט ?
— און וואוהין גייט איר ?
— איך ווייס ניט ?
— מען רופט אייך שמערל נאַר ?
— שמערל נאַר איז מיין נאָמען.
— אַ פּאַסיקער נאָמען.
— אַלע רופן מיך אַזוי.
— ווילט איר גיין מיט מיר ? — פרעגט שניידערל.
— איך וועל גיין מיט אייך ; איך וויל עסן.
— איך האָב ברויט מיט ציבעלעס. נאַט, עסט !

עסט שמערל נאַר און שווייגט. צופיל גערעדט אויף איין מאָל. אָפּגעגעסן, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט, פאַרשטייפּט די קלומ־קעס אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזן אין וועג.

דעם שניידערל פאַרדריסט

זייען ביידע וואַנדערער און קומען אָן אין אַ גרויסער שטאָט. פאַרגייען זיי, ווי אַלע בעטלער, אין הקדש, אַן אָרעם שטיבל, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן פאַר וואַנדערנדיקע אָרעמע־לייט. איבערגעלאָזן די קלומקעס אין הקדש און אַוועק אין בית מדרש, ווי עס פירט זיך ביי בעטלער.

אין בית מדרש זעצן זיי זיך אַוועק הינטערן הרובע, — אַ לאַנגער אויוון פון ציגל. זיצן זיי צווישן די אָרעמע־לייט, ווי אַלע בעטלער.

גייט פאַרביי דער שמש פון שול און דערזעט די צוויי וואַנדע־רער זיצן ביי דער הרובע. ער דערזעט זיי און בלייבט שטיין פאַר־וואונדערט. קוקט זיך איין נאָך אַ מאָל, ווי איינער וואָס גלויבט ניט זיינע אויגן, און פאַרשווינדט שנעל.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, קערט ער זיך אום מיט עטלעכע שיינע באַלעבאַטים און דעם רב. דער רב גייט צו צו שמערלען, גיט אים אָפּ אַ ברייטן שלום עליכם, און זאָגט :

וואָס זיצט איר, רבי, דאָ הינטערן הרובע? קומט זעצט זיך אויבן אָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ חשובן גאַסט.

שמערל נאָר בלייבט זיצן און ענטפערט ניט.

זאָגט ווייטער דער רב:

— פאַרשעמט אונדז ניט, רב שמערל, קומט, איך בעט אייך.

שמערל נאָר בלייבט זיצן.

זאָגט ווייטער דער רב:

— וואוהין איר קומט, ברענגט איר גוטס און העלפט מענטשן. גאָט אַליין האָט אייך געשיקט צו אונדז. שוין דריי טעג, אַז מיר האָבן אַ האַרבן דין־תורה (משפּט) און מיר קאָנען ניט אויסגעפינען ווער ס'איז גערעכט. נאָר איר קאָנט אונדז העלפן.

רעדט שמערל נאָר צו זיך: — מען וויל שוין ווידער עפּעס פון מיר.

שטעלט ער זיך אויף אָן ווערטער און טוט אַ וואונק צום שניידערל:

— קומט.

גייען זיי ביידע נאָך דעם רב מיט די חשובע באַלעבאַטים, און זעצן זיך אין מזרח־וואַנט.

נאָכן דאַוונען פאַרבעט מען שמערלען צום שענסטן באַלעבאָס אין שטאָט. מען זעצט אים אויבן־אָן, מען גיט אים אַ שיינעם, רייכן מאָלצייט און די גאַנצע פאַמיליע טאַנצט אַרום אים אַרום. דאָס קלוגע שניידערל שלעפּט זיך נאָך. אָבער עס פאַרדריסט אים, וואָס קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אים. עס פאַרדריסט אים שטאַרק, אָבער ער שווייגט.

דריי סוחרים

אין דער פרי האָט מען צוגעגרייט פאַר שמערלען גאָר אַ שיינעם פרישטיק. נאָכן מאָלצייט איז געקומען צוגיין דעם רבס שמש און געזאָגט צו שמערלען:

— דער רב האָט מיך געשיקט אייך צו זאָגן, אַז מען וואַרט אויף אייך אין בית־דין שטיבל.

— איך ווייס ניט וואָס מען וויל פון מיר — האָט שמערל געמורמלט — זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צום קלוגן שניידערל.

— קומט מיט.

דאָס שניידערל האָט זיך נאָכגעשלעפּט.

אין בית־דין שטיבל איז טומלדיק. צוועלף שיינע באַלעבאַטים זיצן אַרום טיש, אויבן־אָן זיצט דער רב, לעבן טיש שטייען דריי סוחרים, קאַנטיק, פון ווייטע לענדער ; אין שטוב געפינען זיך נאָך מענטשן פון גאַס. זיי ריידן, זיי שרייען, זיי היצן זיך.

שמערל נאַר קומט אַריין. ס׳ווערט שטיל. די צוועלף באַלעבאַטים מיטן רב שטעלן זיך אויף. דער רב ווייזט אָן שמערלען אויף אַן אָרט צו זעצן זיך. שמערל נאַר זעצט זיך. דאָס קלוגע שניידערל איז געבליבן שטיין צווישן עולם.

שמערל נאַר שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זיין גראָבן שטעקן און בלייבט זיצן ווי פאַרגליווערט, און דער רב זאָגט צו איינעם פון די סוחרים :

— דערציילט די מעשה פון אָנהייב ביז סוף.

— ווידער דערציילן ? — קרימט זיך דער סוחר — שוין אַוואַדע צען מאָל דערציילט.

— דערציילט נאָכאַמאָל — ענטפערט דער רב — דאָ געפינט זיך שמערל נאַר. פאַר אים איז קיין פאַרבאָרגענעס ניטאָ. ער וועט אויסגעפינען דעם אמת.

דער סוחר איז געוואָרן בלייך, ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און אָנגעהייבן דערציילן :

באַהאַלטן געלט

מיר זיינען דריי סוחרים פון פראַנקפורט. מיר האַנדלען שוין יאָרן און יאָרן בשותפות. מיט אַ וואָך צוריק זיינען מיר געקומען אין אייער שטאָט איינצוקויפן פלאַקס. ס׳איז געווען פרייטיק. מיר האָבן געהאַט מיט זיך אַ גאַנץ היפּשע סומע געלט — גאָר אַ גרויסע סומע געלט. די אכסניה, וואוהין מיר זיינען פאַרפאָרן, איז אונדז ניט געפעלן געוואָרן : דער באַלע-

באָס האָט געהאַט גנבישע אייגעלעך, האָבן מיר מורא געהאַט צו פאַרטרויען אים איבער שבת אונדזער גרויס פאַרמעגן. טראָגן מיט זיך געלט אום שבת טאָר מען דאָך ניט — מיר זיינע פרומע גאָט־פאָרכטיקע לייט — האָבן מיר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָבן מיר געטראַכט און געטראַכט און געפאַלן אויף אַ פּלאַן: מיר זיינען אַרויס הינטערן שטאָט אין פרייען פעלד, מיר האָבן אויסגע־גראָבן אַ גריבל אַריינגעלייגט אַהין דאָס געלט, פאַרשאָטן דאָס גריבל און געמאַכט אַ סימן. שבת נאָכט וועלן מיר אַלע דריי צו־גיין און אַרויסגראָבן די רענדלעך.

שמערל נאַר האַלט זיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, די אויגן פאַרמאַכט, ווי ער וואָלט געשלאָפן. דאָס קלוגע שניידערל האַלט מויל און אויערן אָפן. ער שמייכלט צו זיך: קלוגע סוחרים, אָפּגעטאָן די זעלביקע חכמה, וואָס ריכטער צאַדוק, און פאַרשטייט זיך דער זעלביקער סוף — דאָס געלט איז ניט געוואָרן.

דער סוחר דערציילט ווייטער: — דער שבת איז אַוועק. מיר זיינען אַלע דריי אַוועקגעגאַנגען אויסצוגראָבן דאָס געלט. געקומען אין פעלד—אָט איז דאָס גריבל, אָט איז דער סימן. מיר גראָבן אויף — ניטאָ קיין געלט. ס'איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיר האָבן געגראָבן טיפער, געזוכט, גענישטערט, ניטאָ קיין סימן פון אַ מטבע. עמעצער האָט אַרויסגעגנבעט די רענדלעך. אָבער ווער? קיינער אַ חוץ אונדז דרייען האָט ניט געוואוסט פונם סוד. איז איינער פון אונדז דער גנב. איינער האָט זיך געמוזט אַרויס־גנבענען שבת צום פעלד, אויסגראָבן די רענדלעך — און באַהאַלטן. יעדער פון אונדז טענהט, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן, זיינען מיר געקומען צו אייך, רבי, איר זאָלט אויסגעפינען ווער עס איז דער גנב.

— נו — ווענדט זיך דער רב צו שמערלען — וואָס מיינט איר, ווער איז דער טאַקע דער גנב?

— איך ווייס ניט — ענטפערט שמערל נאַר קורץ.

— עס שיקט זיך ניט, אַז איר זאָלט ניט וויסן — ענטפערט דער רב — מיר האָבן געהערט פון די גרויסע וואונדער, וואָס

איר האָט געטאָן. איר האָט דאָך אויגן, וואָס זעען אַלץ, איר זעט דורך דיקע ווענט.

— איך זע נאָר — האָט שמערל נאַר געענטפערט — וויסטע שטעט, חרובע דערפער, סאָלדאַטן, שווערדן, ביקסן, האַרמאַטן, קאָזאַקן, יידן, פּאָליאַקן. מען שיסט, מען שרייט, מען וויינט. איך פרעג אייך, רבי, פאַרוואָס ווערט פאַרגאָסן אַזויפיל בלוט ? פאַר־וואָס ?

דער רב האָט פרום געענטפערט : — פאַרבאָרגן זיינען גאָטס וועגן, און יידן זיינען די שעפעלעך צווישן וועלף. מיר ווייסן : איר קומט איצט פון דניעפער, וואו גאַנטע, אויסגעמעקט זאָל זיין דער נאָמען זיינער, האָט פאַרגאָסן אַ סך יידיש בלוט. איר האָט געזען חרובע קהילות, צעשמעטערטע שטעט. דאָס האַרץ טוט אייך וויי. אָבער וועלט בלייבט וועלט. מען מוז אויסגעפינען ווער עס איז דער גנב.

— איך ווייס ניט. איך פאַרשטיי ניט וואָס די סוחרים האָבן גערעדט. איך האָב — זאָגט שמערל נאַר — צוגעמאַכט די אויגן, האָב איך געזען סאָלדאַטן, שווערדן, ביקסן, האַרמאַטן, קאָזאַקן, יידן, פּאָליאַקן — חרובע שטעט, צעשטערטע הייזער.

זיפצט דער רב און ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. רוקט זיך אַרויס דאָס קלוגע שניידערל פון עולם, גייט צו צום רב און זאָגט :

— רבי, איך וועל אויסגעפינען ווער דער גנב איז. שמערל נאַרס האַרץ איז פאַרביטערט. זיינע געדאַנקען זיינען ערגעץ ווייט. וועל איך אויסגעפינען ווער דער גנב איז. איך וועל נאָר דערציילן דריי מעשות, פרעגן יעדן סוחר אַ פראַגע און באַלד וועל איך וויסן ווער דער גנב איז.

ענטפערט דער רב :

— גוט, פרעמדער, דערצייל דיינע מעשות און פרעג דיינע פראַגעס.

האָט דאָס קלוגע שניידערל אָנגעהויבן דערציילן :

אויפגעגעבן אַ קעניגרייך

אין לאַנד פוילן, איז מיט יאָרן צוריק געשטאָרבן אַ קעניג און ניט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין יורש. האָבן די אַדל־לייט זיך פאַרזאַמלט אין קראָקע אויף אַ באַראַטונג. זיינען זיי געזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און ניט געקומען צו קיין טאָלק — זיי האָבן זיך ניט געקאָנט איינִיקן, ווער עס זאָל אויסגע־קליבן ווערן פאַר אַ קעניג. אויף יעדן איינעם האָט מען געפונען עפּעס אַ חיסרון. דער אמת איז געווען, אַז יעדער גראַף האָט גע־וואָלט ווערן אַליין קעניג. אויפן אַכטן טאָג האָט זיך אויפגעשטעלט דער עלטסטער גראַף און געזאָגט:

— מיינע הערן! איך זע, אַז צוליב קנאה, קאָנען מיר זיך ניט איינִיקן אויף אַ קעניג, איז לאָמיר טאָן אַזוי: מאָרגן לאָמיר אויפ־שטיין פרי און זיך שטעלן לעבן טויער פון שטאָט. דער ערשטער מענטש, וואָס וועט באַלד, נאָך זון־אויפגאַנג, באַטרעטן די שוועל פון טויער, וועט זיין אונדזער קעניג.

— גוט — האָבן אַלע צוגעשטימט.

אויף מאָרגן האָבן זיך די אַדל־לייט געפּעדערט און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן טויער פון שטאָט. ווי נאָר די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך געוויזן, האָבן זיי באַפוילן צו עפענען דעם טויער. האַרט לעבן טויער איז געשטאַנען אַן אָרעמער ייד מיטן נאָמען וואָל. ער איז געווען אַ פאַקטרעגער, און האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון דאָרף.

די אַדל־לייט איז עס ניט געפעלן געוואָרן. אָבער פאַרפאַלן. אַן אָפּמאַך איז אַן אָפּמאַך, און זיי האָבן אויסגעשריען:

— האָך! לאַנג לעבן זאָל דער נייער קעניג פון פוילן.

דער אָרעמער ייד איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט ניט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָס מיינט. מען האָט אים דערציילט וועגן זייער אָפּמאַך, אָבער אים איז עס ניט געפעלן געווען. ער האָט גע־טראַכט: איך בין אַ ייד, די פאָליאַקן זיינען פון אַן אַנדער גלויבן. אַז איך וועל ווערן זייער קעניג וועל איך זיך מוזן שמדן. ניין, האָט

ער באַשלאָסן, ער מוז זיך אויסדרייען פונם גאַנצן שפּיל. ווי אַזוי ?

אַ גאַנצן טאָג האָבן די גלעקער אין די קלויסטערס געקלונגען לכבוד דעם נייעם קעניג. סאָלדאַטן האָבן מאַרשירט, די באַפעלקערונג האָט זיך געפרייט, נאָר דער קעניג איז געווען טרויעריק.

אין אָוונט איז דעם יידן־דעם־קעניג, איינגעפאַלן אַ געדאַנק, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם פּוילישן טראָן. ער האָט פאַררופן אַלע אַדעליקע און אַזוי געזאָגט צו זיי :

— מיינע הערן, הערט מיינע רייד און פאַרנעמט מיין וואָרט, איך בין אייער קעניג איז מיין וואָרט געזעץ ?

— דעם קעניגס וואָרט איז שטענדיק געזעץ — האָבן די אַדעליקע געענטפערט.

— טאָ הערט, איר אונטערטאַנען, מיינע רייד : איך בין אַ ייד. אַז איך זאָל בלייבן אייער קעניג, מוז איך אָננעמען אייער גלויבן. איך וויל אָבער מיין גאָט און מיין פאָלק ניט פאַרלאָזן. וויל איך ניט זיין קיין קעניג. איר אָבער דאַרפט דאָך האָבן איבער זיך אַ האַר, וועל איך פאַר אייך אויסקלייבן אַ קעניג. דער עלטסטער פון אייך איז גראַף באַטארי, באַשטים איך אים פאַרן קעניג איבער גאַנץ פּוילן.

— אָבער ניט אַלע זיינען צופרידן מיט גראַף סטעפאַן באַטארי, — האָבן די אַדל־לייט דערקלערט.

— איך בין קעניג, און מיין וואָרט איז געזעץ — האָט דער ייד וואָל באַפוילן.

די אַדעליקע האָבן געפאָלגט און גראַף באַטאָרי איז געוואָרן קעניג.

— איר פאַרשטייט — האָט דאָס קלוגע שניידערל געענדיקט, — ווי פרום דער ייד וואָל איז געווען ? ער האָט אויפגעגעבן אַ קעניגרייך צוליב זיין גלויבן. און איצט הערט נאָך אַ מעשה :

אָפּגעהאַקטע הענט

אין אַ ווייטער מדינה האָט געלעבט אַ קייסער, וואָס האָט געוואָלט מאַכן גרויס און שטאַרק זיין פאָלק, האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ באַפעל, אַז יעדער איינוואוינער פון לאַנד, מוז זיך מיט עפּעס באַשעפטיקן ניט ווינציקער ווי צען שעה אַ טאָג. יעדער וואָס וועט אַרומגיין ליידיק, וועט שווער באַשטראָפט ווערן — מען וועט אים אָפּהאַקן די רעכטע האַנט. און דער קעניג האָט אָנגעשטעלט אויפזעער אַכטונג צו געבן, אַז קיינער זאָל זיך ניט אַרויסדרייען פון געזעץ.

אין אַ קליין פאַרוואָרפן דערפל האָט געוואוינט אַן אָרעמע פאַמיליע — אַ פאָטער און אַ זון. דער זון איז געווען יונג און שטאַרק, דער פאָטער אַלט און שוואַך. דער זון האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט — געאַרבעט שווער אין פעלד און אין שטוב, און אויסגעהאַלטן דעם פאָטער מיט אַל־דאָס־גוט.

זיצט איינמאָל דער זון לעבן זיינע מיל־שטיינער און מאָלט קאָרן. אַ שווערע אַרבעט, אָבער ער טוט עס מיט פרייד. ס'איז דאָך ברויט פאַרן טאַטן! און דער פאָטער זיצט אין הויף און וואַרעמט זיך אויף דער זון.

מאָלט דער זון און דער שווייס רינט אים איבערן פּנים, אָבער אים אַרט ניט, ער איז פריילעך, ס'וועט זיין גענוג ברויט פאַרן טאַטן און פאַר אים אויף אַ גאַנצן חודש. מיט אַ מאָל, דערזעט ער פון דערווייטנס, אַז צוויי אויפזעערס פון קעניג, דערנענטערן זיך צום הויז. זיי גייען מיט פעסטע טריט און בלאַנקע שווערדן. דער אַלטער פאָטער איז קורצזיכטיק, זעט ער זיי ניט. טראַכט דער זון: ס'איז ניט גוט. די אויפזעערס וועלן געפינען דעם אַלטן טאַטן זיצן ליידיק וועלן זיי אים אָפּהאַקן די רעכטע האַנט. מען מוז אים ראַטעווען. לויפט ער צו מיט געמאַכטן כּעס צום פאָטער און שרייט אויס:

— העי, דו אַלטער תּרח, וואָס זיצסטו אַזוי פויל ווי אַ קלאָץ און טוסט ניט קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער אַריין? גענוג

האָב איך אויף דיר געהאָרעוועט. גיי, דריי אַליין אַביסל די מיל־שטיינער.

פאַרשטייט ניט דער פאָטער דעם זונס כעס, און ענטפערט אים רואיק:

— דו ווייסט דאָך, מיין זון, איך בין אַלט און שוואַך. אַז איך בין געווען יונג, האָב איך געאַרבעט פאַר דיר, איצט ביסטו יונג און שטאַרק, דאַרפסטו...

דעם זון האָבן זיך געשטעלט טרערן אין האַלדז פון דעם טאַטנס ווערטער, אָבער אין דער הייך, האָט ער איבערגעשלאָגן זיין פאָטערס רייד און געזאָגט כלומרשט מיט נאָך מער כעס:

— פאַרמאַך דאָס מויל, דו אַלטער תרח, און טו וואָס מען הייסט דיר, אַניט וועל איך דיר אויסהאַקן די ציין און צעברעכן דעם רעכטן פוס.

דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן פון זונס כעס. ער האָט געטראַכט: מיין זון איז נעבעך משוגע געוואָרן, אַ משוגענעם דאַרף מען נאָכגעבן. האָט ער זיך צוגערוקט צו די מיל־שטיינער און אָנגעהייבן דרייען די מיל.

דעם קעניגס אויפזעערס זיינען אָנגעקומען און געטראָפן דעם אַלטן פאָטער אַרבעטנדיק ביי די מיל־שטיינער — דער יונגער זון איז געזעסן און זיך געוואַרעמט אויף דער זון.

האָבן זיי געכאַפּט דעם זון און געוואָלט אים אָפּהאַקן די רעכטע האַנט. באַלד אָבער האָט זיך דערהערט אַ שאַלן — דער קעניג אַליין איז אָנגעקומען פון יאַגד. אים איז עפּעס געווען מאָדנע, וואָס מען האָט געכאַפּט דעם יונגן זון זיצן און זיך וואַרעמען אויף דער זון, און דעם אַלטן טאַטן, אַרבעטן ביי די מיל־שטיינער. ער האָט אָנגעהייבן אויספאָרשן און שנעל אויסגעפונען דעם אמת. די ליבשאַפט פון זון צום פאָטער האָט אַזוי גערירט דעם קעניגס האַרץ, אַז ער האָט דעם זון פריי געלאָזן, און צוריקגערופן דעם שווערן געזעץ.

אַז דאָס קלוגע שניידערל האָט געענדיגט די מעשה, האָט ער געזאָגט:

— איר פאַרשטייט, ווי שטאַרק דער זון האָט ליב געהאַט דעם

פּאַטער? ביי אים איז רעכט געווען זיך צו לאָזן אָפּהאַקן די רעכטע האַנט, אַבי צו ראַטעווען דעם אַלטן טאַטן. און איצט נאָך אַ מעשה וועגן אַ טאַטן און זון.

— יאָ — זאָגט דער רב — דו, פרעמדער, דערציילסט אונדז שיינע מעשות, אָבער, כ׳בעט דיך, וואָס האָט עס צו טאָן מיט די סוחרים?

— וואַרט, האָט נאָר געדולד — האָט געענטפערט דאָס קלוגע שניידערל — הערט אויס די דריטע מעשה, און לאָזט מיך דערנאָך פרעגן איין פראַגע יעדן סוחר באַזונדער. איר וועט זען, אַז איך וועל אויסגעפינען דעם שולדיקן. איצט הערט:

זעכציק טויזנט רענדלעך

דאָס איז געווען אין די גאָר אַלטע צייטן. די יידן האָבן נאָך געלעבט אין ארץ ישראל. אין גליל האָט געוואוינט אַ רייכער מאַן. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע וועלדער פון אייל־בירטביימער. ער איז געווען דער גרעסטער אויל סוחר אין ארץ ישראל.

אָט דער רייכער מאַן האָט געהאַט אַן אַלטן פאָטער. דער זון האָט זייער ליב געהאַט זיין טאַטן און אים אָפּגעגעבן כבוד. ער האָט דעם אַלטן ניט געלאָזן צורירן זיך צו אַן אַרבעט. ער האָט אים געגעבן עסן פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און טאַקע אַליין אים אַלץ צוגעטראָגן, ניט פאַרלאָזט זיך אויף קיינעם פון זיינע דינער.

דער אַלטער פאָטער האָט געהאַט אַ סך פרייע צייט, און אַלע טאָג נאָכמיטאָג האָט ער זיך צוגעלייגט שלאָפן אויף אַ פּאָר שעה. ווען דער אַלטער איז געשלאָפן, האָט דער זון קיינעם ניט דערלויבט אויפהייבן אַ הייך קול. ס׳האָט געמוזט זיין שאַ־שטיל.

ס׳איז געווען אין האַרבסט. די איילבירטן זיינען שוין געווען אַראָפּגענומען פון די ביימער, שוין אויסגעקוועטשט דעם בוימל. די פעסער זיינען געווען פול מיט שמעקעדיקן אויל. דער סוחר האָט געוואַרט אויף דעם גרויסן יערלעכן קאַראַוואַן, וואָס גייט דורך אַלע יאָר דעם גליל. מיטן קאַראַוואַן קומען אַן סוחרים און קויפן אָפּ דעם בוימל.

אין אַ נאָכמיטאָג איז דער קאַראַוואַן אָנגעקומען. די סוחרים פון אויל האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים רייכן מאַן און געזאָגט:

— מיר זיינען געקומען קויפן דיין אויל. ווייז אונדז די סחורה? מיר דאַרפן האָבן אַ סך אויל, איז עפּעס היי־יאָר געווען אַ געראָטן יאָר?

— זייער אַ געראָטן יאָר — האָט געענטפערט דער רייכער מאַן — איך האָב דאָ פּאַר זעכציק טויזנט שקלים אויל.

— מירן עס אינגאַנצן אָפּקויפן — האָבן געענטפערט די סוחרים — קום ווייז אונדז דיין סחורה.

דער רייכער מאַן האָט זיך געלאָזן גיין, ווייזן די סוחרים דעם אויל. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די שליסלען ליגן ביים טאַטן צוקאָפּנס, און דער טאַטע שלאָפט, האָט ער געזאָגט: איך קאָן אייך איצט ניט ווייזן דעם אויל, די שליסלען זיינען ביי מיין טאַטן צו־קאָפּנס, און ער שלאָפט.

— וועק אים אויף, האָבן די סוחרים געזאָגט.

— דאָס ניט, האָט געענטפערט דער רייכער מאַן. אויב איר ווילט קויפן ביי מיר אויל, מוזט איר וואַרטן ביז מיין טאַטע וועט אויפשטיין.

אָבער מיר קאָנען ניט וואַרטן, האָבן די סוחרים געענטפערט. מיר זיינען נאָר זאַלבע־פערט און דער קאַראַוואַן איז אַ גרויסער. מיר קאָנען ניט אָפּהאַלטן קיין הונדערטער מענטשן צוליב אייך.

— האַלט ניט אָפּ, האָט דער רייכער מאַן געענטפערט.

— אָבער דו וועסט פאַרלירן זעכציק טויזנט שקלים — האָבן די סוחרים געענטפערט — באַלד הייבט זיך אָן די רעגן צייט און קיין נייע קאַראַוואַנען וועלן מער ניט דורכגיין. דיין אויל וועט קאַליע ווערן און גאָרנישט ניט ווערט זיין.

— אויך פאַרפאַלן — האָט דער זון געענטפערט — מיין טאַ־טנס שלאָף איז ביי מיר טייערער ווי זעכציק טויזנט שקלים.

די סוחרים האָבן זיך איבערגעקוקט — אַ צעדרייטער יונגער־מאַן. ביי אים איז רעכט צו פאַרלירן זעכציק טויזנט שקלים צוליב

אַ נאַרישקייט. ווער ווייסט צי מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן אין געשעפט? זיי האָבן זיך שטיל אַרויסגערוקט פון הויז.

אַז דער פאָטער איז אויפגעשטאַנען פון זיין נאָכמיטאָג שלאָף, זיינען שוין די סוחרים געווען העט וויט אַוועק. דער זון האָט טאַקע פאַרלאָרן די זעכציק טויזנט שקלים.

— איצט — זאָגט דאָס קלוגע שניידערל — וויל איך פרעגן ביי די סוחרים, ווער פון די דריי איז דער גרעסטער: דער ייד, וואָס האָט אויפגעגעבן אַ קעניגרייך צוליב זיין גלויבן; דער זון, וואָס איז געווען גרייט זיך לאָזן אָפּהאַקן די רעכטע האַנט פאַר זיין טאַטן; אָדער דער זון, וואָס זיין טאַטנס רו, איז ביי אים געווען טייערער פון זעכציק טויזנט שקלים?

האָט געענטפערט דער ערשטער סוחר און געזאָגט:

— דער ייד וואָס האָט אויפגעגעבן אַ קעניגרייך צוליב זיין יידישקייט איז דער גרעסטער. אַ קלייניקייט, אַ קעניג! לעבן און טויט איז דאָך ביי אים אין האַנט. דער גורל פון דער גאַנצער מדינה הענגט אָפּ פון זיין וואָרט. וואָס קאָן נאָך זיין עפּעס גרעסער פון אַ קעניגס מאַכט? און דער ייד האָט עס אויפגעגעבן — ער איז דער גרעסטער!

זאָגט דער צווייטער סוחר:

— ניין, דער זון, וואָס איז געווען גרייט זיך לאָזן אָפּהאַקן די רעכטע האַנט, איז דער גרעסטער. אויפגעבן אַ קעניגרייך איז גאָר־נישט ניט אויפגעגעבן. דער אָרעמער ייד איז פריער ניט געווען קיין קעניג און איז איצט אויך ניט קעניג. ער האָט גאָרנישט ניט פאַרלאָרן. אָבער לאָזן זיך אָפּהאַקן אַ האַנט איז ניט קיין קלייניקייט. בלייבן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן איז קיין שפּאַס ניט. און דער ווייטיק? ניין, דער זון, וואָס איז געווען גרייט זיך לאָזן אָפּהאַקן אַ האַנט, ער איז דער גרעסטער!

זאָגט דער דריטער סוחר:

— אמת, דער וואָס האָט אויפגעגעבן אַ קעניגרייך צו־ליב זיין יידישקייט איז גרויס; דער זון, וואָס איז געווען גרייט זיך לאָזן אָפּהאַקן אַ האַנט פאַר זיין טאַטן איז אויך גרויס. דער גרעס־

טער אָבער איז דער זון, וואָס האָט פאַרלאָרן זעכציק טויזנט שקלים, צוליב זיין טאַטנס רו. ער איז דער גרעסטער. געלט! עפּעס אַ קלייניקייט געלט! וואָס קאָן מען ניט אויפטאָן מיט געלט? דער קעניג אַליין מוז אָנקומען צו יענעם, וואָס האָט געלט. פעלט אַ האַנט, קאָן מען דינגען פאַר געלט הענט, וואָס וועלן טאָן אַלץ וואָס דו ווילסט, אָבער געלט — געלט איז די בעסטע, די גרעסטע זאַך אויף דער וועלט! דער זון, וואָס האָט אויפגעגעבן די זעכציק טויזנט שקלים, צוליב זיין טאַטנס רו, איז דער גרעסטער.

דאָס קלוגע שניידערל האָט אויסגעהערט די סוחרימס רייד און איז צוגעגאַנגען צום רב און געזאָגט:

— דער דריטער סוחר איז דער גנב! פאַר געלט וועט ער פאַרקויפן זיין גאָט, זיין פאָלק און זיין פאָטער. בינדט אים.

דער גנב־סוחר האָט זיך דערשראָקן און אַרויסגעשטאַמלט:

— איך האָב ניט געמיינט גנבענען. איך האָב געוואָלט בלויז מאַכן אַ שפּאַס. איך וואָלט יעדן איינעם פון מיינע שותּפים צוריקגעגעבן זיין חלק.

— אַ שפּאַס — האָבן ביידע סוחרים אָנגעהויבן שרייען — אַ שיינער שפּאַס. שוין דריי טעג אַז מיר לאָדן זיך, און ער זאָגט אַז ער האָט בלויז געשפּאַסט.

ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ געשלעג. שמערל נאַר און דאָס קלוגע שניידערל האָבן זיך אַרויסגערוקט פון שטוב און געלאָזן זיך אין וועג.

די אָזערע טערענאָג

זיי זיינען געגאַנגען און געגאַנגען און פאַרבלאָנדזשעט אין די טיפע וועלדער פון דער ליטע, וואָס ליגן אויף די ברעגעס פון דעם טייך ניעמאַן.

ליטע איז שוין יעמאָלט געווען אַ קריסטלעך לאַנד, אָבער די באַפעלקערונג האָט נאָך אַלץ געגלויבט אין אָפּגעטער. דערהויפּט האָבן זיי געגלויבט אין וואַסער־געטער, און וואַלד־געטער.

די פּויערים האָבן פֿאַרהייליקט אַסך וועלדלעך, אויך שטיי־נער אין פֿעלד האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר געטער, אָבער דאָס הייליק־סטע איז ביי זיי געווען די אָזערע טערענאָג.

די אָזערע איז געלעגן טיף אין וואַלד. די איינוואוינער פֿון ליטע האָבן געגלויבט, אַז אויפֿן גרונט פֿון די וואַסערן וואוינען נימפֿן. די נימפֿן זיינען געטינס, וואָס באַשיצן ליטע פֿון אַל־דאָס־בייז. זיי וואוינען טיף אויפֿן גרונט פֿון די טיפֿע וואַסערן, און קיין לעבעדיקער מענטש קאָן אַהין ניט צוקומען. מען פֿלעגט דער־ציילן, אַז די וואַסערן זיינען אַזוי טיף, אַז אַ מאָל איז אַ פּויערס אַ האַק אַהין אַריינגעפֿאַלן, איז זי געפֿאַלן זיבן יאָר ביז זי האָט זיך אָפּגע־שלאָגן אָן גרונט.

די אָזערע רופֿט זיך טערענאָג — דאָס לאַנד פֿון יוגנט. מען האָט געגלויבט, אַז די אָזערע איז אַזוי טיף, אַז ניט דער טויט און ניט די עלטער האָבן אַהין דערגרייכט. ווען אַ מענטש איז פֿרום און גייט אין די וועגן פֿון די געטער, קומען די נימפֿן אַרויס פֿון זיי־ערע באַהעלטענישן און נעמען אים צו זיך, און ער בלייבט אייביק לעבן און דער טויט קאָן איבער אים קיין שליטה ניט האָבן.

די קריסטלעכע גלחים האָבן גרויזאַם פֿאַרפֿאָלגט די געצנ־דינער. זיי האָבן אויסגעהאַקט די הייליקע וועלדלעך, אויסגעריסן די שטיינער צו וועלכע די באַפֿעלקערונג האָט געדינט. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. אין די העלע לבֿנה נעכט זיינען די טיפֿע וועל־דער געווען פֿול מיט פּויערים געצנדינער. מען האָט געזונגען און געטאַנצט, געקוילעט שאָף און רינדער — קרבנות צו די געטער.

אין יענעם יאָר איז געווען אַ גרויסע טריקעניש. די גלחים, אָנגעטאָן אין גאָלדענע ריזעס, האָבן אַרויסגענומען די הייליקע בילדער פֿון די קלויסטערס און געגאַנגען מיט פּראָצעסיעס איבער די פֿעלדער. זיי האָבן באַשפּרינקלט די פֿעלדער און טייכן מיט הייליק וואַסער, אָנגעצונדן הונדערטער ליכט אין די קלויסטערס, אָבער קיין רעגן איז ניט געגאַנגען. אַלע פֿאַרנאַכט פֿאַר דער זון אונטערגאַנג, און אַלע אין דער פֿרי פֿאַר זון אויפֿגאַנג, האָבן די גלעקער אין די קלויסטערס געקלונגען, אָבער ס'האָט אַלץ ניט גע־

רעגנט. די פויערים האָבן צוגעקוקט ווי די תבואה אויף די פעלדער ווערט פאַרברענט און זיי זיינען געווען זייער פאַרביטערט.

די געהיימע געצן־פריסטער זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער און געשטראָפט:

— נאָך גרעסערע אומגליקן וועלן קומען אויף דעם לאַנד ליטע. מיר האָבן פאַרלאָזן אונדזערע אַלטע געטער און דינען צו אַ פרעמדן גאָט. די געטער פון אונדזערע פאָטערס וועלן אונדז באַשטראָפן, אויב מיר וועלן זיי ניט איבערבעטן.

אין אַ ליכטיקער זומער נאַכט, זיינען די פריסטער און אַ סך פויערים זיך צוזאַמענגעקומען לעבן דער הייליקער אָזערע, תפילה צו טאָן צו די געטער.

די וואַסערן פון דער אָזערע זיינען געווען שטיל, קלאָר און בלאָ; אין דער אָזערע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די לבנה שטראַלן און די הויכע ביימער. די פריסטער האָבן געזונגען הייליקע לידער און געטאַנצט; די באַפעלקערונג איז געשטאַנען שטיל אין אַ קרייז און נאָכגעקוקט די משונהדיקע טענץ פון די פריסטער.

די טענץ זיינען אויף אַ ווייל שטיל געוואָרן.

צוויי הייליקע

צוויי יונגע פריסטערינס זענען אָנגעקומען. זיי האָבן געפירט אויף אַ שטריק אַ שוואַרצן באָק.

צוויי פריסטער מיט מאַסקעס פון אָקסן האָבן זיך דערנענטערט צום באָק. זיי האָבן געבונדן דעם באָק און אים אַוועקגעלייגט לעבן אַ גרויס פייער. אַן אַלטער פריסטער, מיט אַ מאַסקע פון אַ ציג, איז צוגעלאָפן צו דער געבונדענער חיה, אָנגעהויבן פאָכן מיט אַ לאַנגן מעסער און געזונגען אַ געזאַנג.

דאָס געזאַנג איז געוואָרן שטאַרקער, דער גרויסער עולם האָט זיך גענומען וויגן, דער פריסטער איז אַריין אין עקסטאַז און דער עולם האָט אויפגעכאַפּט דאָס געזאַנג און מיטגעזונגען.

אין טומל האָט אַ פריסטער אַ פיר געטאָן מיט אַ גרויס מעסער איבער דעם באָקס האַלדז. אַ שטראָם בלוט האָט אַ גאָס געטאָן, צוויי

אַנדערע פּריסטער האָבן געכאַפּט דעם געקוילעטן באָק און אים אַרייַנגעוואָרפן אין פייער. דער המון האָט אַ ברום געטאָן ווי אַ ווילדע חיה.

אין דער מינוט האָבן זיך באַוויזן אויף דער אַנדער זייט אָזערע שמערל נאַר און דאָס קלוגע שניידערל. אין דער העלקייט פון דער לבנה נאַכט האָבן זיי, אין זייער פלוצעמדיקער באַווייזן זיך, אויסגעזען ווי צוויי גייסטער אַרויסגעשפּרונגען פון די קלאָרע בלאָע וואַסערן פון דער אָזערע.

דער עולם איז געוואָרן שטיל. די פּריסטער זיינען געבליבן שטיין מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס.

די צוויי געשטאַלטן האָבן זיך דערנענטערט, זיי זיינען צוגעגאַנגען צום פייער. אַ פּריסטער האָט אויסגעשריען:

— די געטער האָבן געהערט אונדזער געבעט און געשיקט צו אונדז צוויי הייליקע פון אָפּגרונט פון דער אָזערע. בוקט זיך צו זיי!

דער גאַנצער המון און די פּריסטער האָבן זיך געבוקט. שטייען שמערל נאַר מיט דעם קלוגן שניידערל און רירן זיך ניט פון אָרט. און דער הויפּט פּריסטער זינגט קניענדיק:

רעגן, רעגן, הייליקע, גיט!
רעגן פאַר אונדזערע פעלדער!
פאַר דעם פאַרשמאַכטן גערשטן און ווייץ,
פאַרברענטע גערטנער און וועלדער.

זעט דאָס קלוגע שניידערל ווי די מאַסע פּויערים קניט, פאַרשטייט ער באַלד וואָס עס האָט פּאַסירט. פרעגט ער רואיק:

— האָט איר תפילה געטאָן צו אייערע געטער, האָבן די ווייַדאַלאָטנס — (ליטווישע מיידלעך־פּריסטערינס) — געטאַנצט אין די וועלדלעך, אַרום די שטיינערנע אַלטאַרן, דעם הייליקן טאַנץ?

— יאָ, אַלץ געטאָן, הייליקע, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. שטענדיק רעגנט צופיל און מיר דאַרפן תפילה טאָן די מאַמע זונעלע זאָל אַוועקטרייבן די שוואַרצע וואָלקנס נאָך פּרייסנלאַנד, און איצט האָט זיך דער גנאָד פון די געטער אָפּגעטאָן פון אונדז.

— די געטער וועלן אייך העלפן — האָט געענטפערט דאָס קלוגע שניידערל.

— זיי האָבן שוין אונדז געהאָלפן — האָט געענטפערט דער הויפּט פּריסטער — זיי האָבן אונדז געשיקט צוויי הייליקע פון אָפּגרונט פון טערענאָג.

— זיינען מיר געקומען און מיר זאָגן אייך צו, אַז די געטער וועלן אייך ניט פאַרלאָזן. איצט דאַרפן מיר גיין אין אונדזער וועג. לאָזט אונדז דורך.

— ניין מיר וועלן אייך ניט דורכלאָזן — האָט דער הויפּט פּריסטער געזאָגט — איר זייט צו אונדז געשיקט געוואָרן פון דעם אָפּגרונט פון טערענאָג, דאַרפט איר אונדז ברענגען רעגן. וועט ניט רעגענען אין די קומענדיקע דריי טעג, וועלן מיך אייך צוריק אַריינוואַרפן אין אָזערע. — מיר וועלן אייך שיקן דערציילן די געטער אַז מיר דאַרפן רעגן. איר וועט זיין גוטע בעטער פאַר אונדז.

אַ ר י י נ ג ע פ אַ ל ן

אין מזרח זייט האָט זיך קוים אָנגעהויבן בלייכן דער הימל, זיינען די פּריסטער געוואָרן זייער באַשעפטיקט. זיי האָבן געשריען, געגעבן באַפעלן. באַלד האָבן זיך אַרויסגערוקט פון דער מאָסע פויערים, פיר הויכע יונגען מיט לאַנגע פּיקעס. זיי זיינען צוגעגאַנגען צו שמערל נאַר און צום שניידערל, און באַפעלן זיי גיין צו דער לינקער זייט פון דער אָזערע.

זיי זיינען געגאַנגען און געקומען צווישן הייכע, געדיכטע ביימער. צווישן די ביימער איז געשטאַנען אַ הייכער דעמב מיט לאַנגע צווייגן. מען האָט באַפעלן שמערל נאַר און דעם שניידערל זיך שטעלן אונטערן דעמב.

שטייען זיי. באַלד זיינען אָנגעקומען צוועלף פּריסטער. זיי האָבן געבראַכט פיר לאַנגע דינע שטאַנגען. זיי האָבן איינגעגראָבן די שטאַנגען טיף אין דער ערד און זיי גוט באַפעסטיקט. דערנאָך זיינען פינף פּריסטער אַוועק אין וואַלד און צוריקגעקומען מיט נייע פלאַקסענע שטריק. זיי האָבן אויסגעהאַקט פיר קאַרבן אין די שטאַנ־

גען און גענומען מיט די שטריק אַרומציען די שטאַנגען. זיי האָבן פאַרקניפּט און פאַרבונדן די שטריק. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט לעבן יעדער זייט אַ פייער מיט אַ שאַרפער האַק. פיר פריסטער זיינען אַוועק צו דער הייליקער אָזערע און געבראַכט וואַסער אין עמערס. זיי האָבן געגאָסן דאָס וואַסער אויף די נייע שטריק. די שטריק זיינען געוואָרן גרעבער — אָנגעזאַפּט זיך מיט וואַסער — די קנופּן זיינען געוואָרן שטייפער.

קוקן ביידע וואַנדערער אויף דער אַרבעט פון די פריסטער און שווייגן. די פריסטער שווייגן אויך.

צו מיטיק צו, האָט מען די געפאַנגענע געבראַכט ברויט און וואַסער.

עסן זיי.. קייט דאָס קלוגע שניידערל דאָס האַרטע ברויט און טראַכט — אַ מיאוסע מעשה. אַריינגעפאַלן צווישן ווילדע געצנ־דינער. און ס'האַלט שמאָל, מען מוז אויסגעפינען צוערשט וואָס פאַר אַ צערעמאָניעס פראַוועז זיי דאָ.

באַלד איז צוגעקומען אַ פריסטער מיט אַ פרישן עמער וואַסער און האָט אָנגעהויבן באַגיסן די שטריק.

זאָגט דאָס קלוגע שניידערל:

— הייליקער פריסטער פון דער געטין ליימע, צוליב וואָס גיסטו וואַסער אויף די שטריק?

— די קנופּן זאָלן זיך פאַרשטייפן — ענטפערט דער פריסטער.

— פאַרוואָס ווילסטו, אַז די קנופּן זאָלן זיך פאַרשטייפן?

— זאָלסט זיי ניט קאָנען פאַנאַנדערבינדן.

— צו וואָס זיי פאַנאַנדערבינדן?

— פאַנאַנדערבינדן און אַרויס פון געפענקעניש.

— און אַז מירן ניט אַרויס פון געפענקעניש?

— נאָך דריי טעג, אָן רעגן, און אַז איר וועט ניט אַרויס פון געפענקעניש, וועלן מיר אייך אַריינוואַרפן צוריק אין אָזערע צו די געטער, איר זאָלט פאַר אונדז זיין גוטע בעטער.

— און אַז מיר וועלן פאַנאַנדערבינדן די קנופּן און אַרויס?

— וועט איר זיין פריי און גיין וואוהין איר ווילט וויל נאָר

גאָר גרויסע, מעכטיקע גייסטער קאָנען פֿאַנאַנדערקניפּן נאַסע שטריק.

— די שטריק זיינען ניט געדיכט פֿאַרצויגן — זאָגט דאָס קלו־גע שניידערל — קאָנען מיר זיך איינבייגן און אַרויס.

— גייסטער בייגן זיך ניט איין. וועט איר וועלן דורכקריכן אונטער די שטריק. וועלן מיר אייך די קעפּ אַראָפּהאַקן. נאָר שטערבלעכע מענטשן בייגן זיך איין. און מיר הרגענען אַלע פֿרעמ־דע, וואָס האָבן בייגעוואוינט אונדזער דינסט צו די געטער.

— דאַרפֿן מיר אַרויס ניט איינגעבויגענערהייד — אָפּבינדן די קנופּן — און קיין נאַסע שטריק קאָן מען ניט פֿאַנאַנדערבינדן — זאָגט דאָס קלוגע שניידערל.

— נאָר גרויסע גייסטער קאָנען זיי פֿאַנאַנדערבינדן, אָדער אַרויס ניט פֿאַנאַנדערבינדנדיק זיי. אויב איר זייט נאָר קליינע גייס־טער, וועט איר זיין פֿאַר אונדז גוטע בעטער.

דער פּריסט האָט אָפּגערעדט און איז אַוועק.

ציִען זיך די טעג. דאָס קלוגע שניידערל ווייס ניט וואָס צו טאָן, ער שפּרייזט אַרום אין די זעקס איילן פֿון געפֿענקעניש און טראַכט און טראַכט. קאָן זיך ניט דערטראַכטן. ער עסט ניט, טרינקט ניט, זוכט נאָר אַ מיטל אַרויסצוגיין פֿון קלעם.

אָבער שמערל נאַר זיצט רואיק, ווי גאָרניט האָט געטראָפֿן. ער עסט זיין טרוקן ברויט, פֿאַרטרינקט מיט וואַסער און שלאָפֿט.

פֿאַרשטייט ניט דאָס קלוגע שניידערל, ווי אַזוי קאָן אַ מענטש זיצן אַזוי רואיק, ווען דער טויט קוקט גלייך אין פּנים אַריין? ער וויל זיך באַראַטן מיט אים וואָס צו טאָן, אָבער באַלד טראַכט ער: אַרויסגעוואָרפֿענע רייד, ער איז צו נאַריש צו פֿאַרשטיין וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

ס'איז שוין דער דריטער טאָג, שפּעט נאָכמיטאָג. ס'האָט נאָך אַלץ ניט גערעגנט. דאָס קלוגע שניידערל איז פֿאַרחלשט פֿון ניט עסן. ער קאָן אָבער אַלץ ניט צוטראַכטן קיין מיטל ווי אַרויסצוגיין פֿון קלעם. טראַכט ער: פֿאַרפֿאַלן — מען מוז זיך דורכשמועסן מיט שמערל נאַר. אפֿשר איז ער גאָר ניט אַזוי נאַריש, ווי ער מאַכט זיך. גייט ער צו שמערלן און זאָגט:

— דו ווייסט, שמערל, אַז ווי נאָר די זון פֿאַרגייט וועט מען אונדז דערטרינקען אין דער אָזערע.

— פֿאַרוואָס ? — פֿרעגט שמערל נאַר תּמעוואַטע.

— האָסטו ניט געהערט, וואָס די פּריסטער האָבן גערעדט ?

— איך האָב געהערט — ענטפֿערט שמערל נאַר — אָבער ניט פֿאַרשטאַנען. איך פֿאַרשטיי ניט קיין ליטוויש.

דערציילט אים דאָס קלוגע שניידערל די גאַנצע מעשה, און ענדיקט :

— איך האָב געפּרוּווט פֿאַנאַנדערבינדן די שטריק, קאָן איך ניט. דורכקריכן אונטער די שטריק — וועט מען ניט לאָזן — מען וועט אונדז אָפּהאַקן די קעפּ. מען מוז דורכגיין ניט איינבייגנדיק די קעפּ. מיר זיינען פֿאַרפֿאַלענע.

— זאָגט שמערל נאַר :

— פֿאַרוואָס זיינען מיר פֿאַרפֿאַלענע ? נעם ביים פּויער די שאַרפֿע האַק און שנייד דורך די קנופּן, וועלן מיר דורכגיין די שטריק ניט איינגעבייגענע.

דאָס קלוגע שניידערל איז געבליבן שטיין ווי צעטומלט.

— מיין גאָט — האָט ער גערעדט צו זיך — ער איז דאָך גע־רעכט. ס'איז אַ פּנים קיינעם ניט איינגעפֿאַלן איבערשניידן די קנופּן. מען פֿאַרקניפּט קנופּן, מיינט מען, אַז מען מוז זיי פֿאַנאַנ־דערקניפּן.

דאָס קלוגע שניידערל האָט אָן ווערטער גענומען ביי איינעם פֿון די פּויערים אַ האַק און איבערגעשניטן די שטריק.

די פּריסטער זיינען געבליבן שטיין ווי געפּלעפּטע און געלאָזן די וואַנדערער גיין אין זייער וועג. אַז מען טאָר ניט צעשניידן די שטריק, איז ניט פֿאַרשריבן אין די הייליקע פֿאַרמעטן.

זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ קורץ שטיקל וועג, זאָגט דאָס קלוגע שניידערל צו שמערל נאַר :

— נו, שמערל, וואוהין גייסטו פֿאָרט ? איך דאַרף זיך דאָ נע־מען צו דרום צו, צו מיין היים. ווילסטו גיין מיט מיר ?

— ניין — ענטפֿערט שמערל נאַר — איך האָב געהערט אַ

שטים: „קום צו מיר מיין זון שמערל״! די שטים קומט פון דאָרט, וואו די זון זעצט זיך. דאַרף איך גיין אַהין.

— דו האָסט געהערט די שטים אין חלום?

— איך ווייס ניט, כ׳האָב געהערט אַ שטים, דאַרף איך גיין. אַ קול רופט מיך צו מעריב צו, וואו די זון זעצט זיך.

טוט דאָס קלוגע שניידערל אַ קוועטש מיט די פלייצעס און זאָגט:

— גיי דיין וועג. כ׳האָב מורא, אַז דו ווייסט אַלץ בעסער פאַר מיר.

זיי האָבן זיך אויף אייביק צעשיידט.

ווערק פון שלמה סימאָן

ארויסגעגעבן פון פאַרלאַג „מתנות"

שמערל נאַר

דערשינען — 1933, צווייטע אויפלאַגע 1949

דאָס קלוגע שניידערל

דערשינען — 1913, דריטע אויפלאַגע 1949

קינדער יאָרן פון יידישע שרייבער

בוך איינס — 1936, צווייטע אויפלאַגע, 1945

קינדער יאָרן פון יידישע שרייבער

בוך צוויי — 1945

ראָבערטס ווענטורעס

1938

די העלדן פון כעלם

1942

חומש פאַר קינדער לויט יהואָש

דערשינען — 1940, צווייטע אויפלאַגע 1944

אין די טעג פון די נביאים

1947